ספר

# בית נחום

אין דיזען ספר ווערד ערציילט זייער וואונדערליכע זאכען וואס עס האט זיך פאסירט פון זיין געבוירען הייט אהן מיט הרב הקדוש ר' נחום מטשערנאבעל.
אין וויא אזוי ער איז געוואהרען איין אהנגעהענגער פון בעל שם טוב'ס. תלמידים:
אין אויך ווערד ערציילט פון דיא גרויסע אונ וואונדערליכע זאכין וואס ער האט בעוויזען. אין וויא פיהל מענטשין ער האט פירט בתשובה געוועזען:


ווארשא.

שנת תרפ"ז לפ"ק

# בית נחום

## דיא לעבענס בעשרייבונג פון דעם היילינען מוכיח דער רבי ר׳ נחום טשערנאָבלער זכרונו לברכה:

דער הייליגער מוכיח אין בעוויסטער גרויסער צדיק דער רבי ר׳ נחום טשערנאָבלער זכרונו לברכה דער מחבר פון געאַכטענעם חסידישען ספר מאיר עינים וועלכער ערקלערט פיהל שטעלען לויט דער שיטת החסידות וואָס זיינע רבים דער הייליגער בעש״ט זכרונו לברכה אין דער גרויסער מעזריטשער מגיד דער הייליגער רבי ר׳ בער זכרונו לברכה. איז געבוירען געוואָהרען אין יאָהר ת״צ. אין דער שטאָדט גאַרינסן וואָהלינער גובערני בייא זיין פאָטער רבי הירש דער זוהן פון דעם בעוויסטען וועלטס גאון רבי נחום זכרונו לברכה. בייא זיין פריהסטער יוגענד איז איהם זיין פאָטער אָבגעשטאָרבען אין ער איז אזוי געבליבען אַ יתום ר״ל. זיין פאָטערס אַברודער האָט איהם דאַמאָלסט גענומען צוא זיך אין ער האָט איהם געשיקט צוא זאַמען מיט זיינע קינדער אין חדר אַריין דער פעטער איז געוועזען רייך אין ער פלעגט זיינע קינדער נאָך געבען אַלעס וואָס זיי האָבען פערלאַנגט. זעלבסט פער שטענדליך דאָס דער קליינער יתום האָט נישט געקענט בייא זיין פעטער פערלאַנגען דאָס ער זאָל איהם אויך אַלעס נאָך געבען אזוי וויא זיינע אייגענע קינדער אין דרובער איז דעם מלמד וועלכער דעם גביר׳ס קינדער מיט דעם יתום האָבען געלערענט צו זאַמען געוואָהרען פערדריסיג וואָס אַלעס וואָס דעם גבירס קינדער האָבען אין חדר האָט אויך דער יתום. באַהר פינדעסט וועגען ווייל ער האָט געזעהן אַז דאָס קינד איז זייער ערליך אַזוי וויא דער חכם מכל אדם שלמה המלך עליו השלום זאָגט אין משלי גם במעלליו יתנכר נער דאָס הייסט אַז באַלד פון דער יוגענד דער קענט מען צוא דאָס קינד וועט גיין אין גיטען וועג

האָט

האָט עֶר איהם נישט געהאַט קיין העזה חושד צוא זיין איהם עפּיס שלעכטץ :

איינמאהל אָבּער איז דעם גביר'ס אַיונגעל בעקומען אין חדר אין עֶר האָט זיך מיט געבּרענגט זייער אַ שיין מעסערעל וועלכעס זיין פאָטער האָט געבּרענגט פין וועג אין עֶס האָט דאָרט אויף דעם אָרט געקאָסט אַכציג גראָשען אינדער היים האָט אַזוי אַ מעסערעל געדאָרפען קאָסטען אַהלב קערבּאָל אין ווי דער יתום האָט דאָס מעסערעל דערזעהן איז ער תיכף ערגיץ פערשווינדען געוואָהרען און אין אַ קליינע ווײַלע אַרום איז ער צוריק געקומען אַ פרײליכער אין חדר אַריין אין עֶר האָט זיך אויך געבּרענגט אַזוי אַמעסערעל דאַמאָלסט האָט שוין דער מלמד די זאַך נישט געקענט פערשווייגען אין עֶר האָט בעשלאָסען צוא מאַכען אַ חקירה ודרישה בייא דעם גביר פון וואַנען עֶס נעמט זיך צוא דעם יתום אַלע זאַכען וועלכעס דעם גביר'ס קינדער האָבען פאַרע גאכט נאָך דעם לערנען איז דער מלמד אַרובער געגאַנגען צום דעם גביר אין ער האָט איהם געפרעגט צוא ער האָט דעם יתום אויך געבּרענגט אַזוי אַמעסערעל ווי עֶר האָט געבּרענגט זיינע קינדער אין אויב יאָה פאַר וואָס האָט עֶר איהם עֶס בּאַלד נישט געגעבען גלייך ווי ער האָט זיינע קינדער געגעבען דער גביר האָט זיך זייער פערוואונדערט אויף דעם מלמדס פראַגע נאָהר אַזוי ווי ער איז געוועזען זייער אַ איידעלער מענטש האָט ער דער מלמד פריהער געענטפערט דאָס ער האָט פאַר דעם קליינעם יתום נישט געבּרענגט קיין שום מעסערעל אין דרובער איז דאָך שוין ממילא די צווייטע פראַגע אויך קיין פראַגע נישט, נאָהר יעצט האָט דער גביר געבעטען דעם מלמד אַז עֶר זאָל איהם דערציילען וועלכעס עֶס האָט איהם בעוואָגען צוא קומען פרעגען דעם גביר האָט דען דער קליינער זיך געזאָלעוועט אַז איך טראַקטיר איהם נישט גיט. דער מלמד האָט פערשטאַנען דאָס דער גביר רעכינט אַז ער איז איהם געקומען מאַסערען פאַר וואָס עֶר איז נישט יוצא אַקעגען דעם קליינעם יתום. דרובער האָט עֶר דעם גביר איבער געבעטען אין געזאָגט אַז די זאַך איז גאָהר אַנדערשט ווי עֶר שטעלט זיך פאָהר נישט בלויז דאָס דער קליינער יתום האָט זיך פאַר איהם נישט [illegible] אויף זיין פאטער נאָהר פאר קערהט ער ווייסט [illegible] נישט אז איך בין געקאַנגען צוא איך עפיס איבער [illegible] [illegible] אלעמען :

נאהר מיין פראגע איז גאָהר אין דער צווייטער זייט נעמליך דער קלײנער יתום פיהרט זיך אויף זייער אָרענטליך אין ער לערינט פלייסיג דאָס ער לאָזט אויף זיך נישט איבער קיין שום חשד פין אונצופרידענהייט אָדער אינטרייהייט צו זיינע ערציהער אָבער איין זאַך איז מיר פערדעכטיג געוואָהרען זעהענדיג דאָס יעדען לוקסוס וואָס איירע קינדער ברענגען מיט אין חדר אַריין ברענגט ער אויך מיט אין דרובער האָב איך מיך אַלע מאָהל געוואָנדערט וויא זנר גאָמט דיא אַלע זאַכען, נאָהר ווייל ער לערינט זייער פלייסיג האָב איך אַלע מאָהל אַוועק געקוקט אין האָב מיר אַליין פאַרענטפערט דאָס ווייל ער פיהרט זיך אויף בדרך הישר האָט דער פעטער אויף איהם אויפאַכט אין טראַקטירט איהם גלייך וויא זיינע קינדער זעלבסט. נאָהר דאָה דיא זאַך איז מאָהר געקומען אַפאַקט וועלכער האָט מיך שוין אַרויס געברענגט פון געדולד. דיא זאַך מיט דעם מעסערעל וואָס אייער יונגעל האָט געברענגט אין חדר אריין אין דער קלײנער האָט נישט געהאַט קיין מעסערעל האָב איך דאָך געזעהן אַז נישט אַלעס וואָס איהר קויפט פאַר אייער קינד קויפט איהר פאַר דעם יתום אויך. אָבער וויא פער ווינדערט בין איך געוואָרען זעהענדיג דאָס דער יתום איז נעלם געוואהרען אויף אַנערך פין אהאַלבע שעה פין חדר אין דער נאָך צוריק קימענדיג האָט ער געברענגט מיט זיך אַזוי אַמעסערעל וויא אייער יונגעל האָט געהאַט, אין דרובער האָב איך שוין בעשלאָסען איינמאָהל דיא זאַך צו ערקינדיגען זיך פין וואַנען דער קלײנער יתום נעמט דיא אַלע זאַכען, ווייל עס איז דאָך נישט צו פערשטיין. אויב איהר ברענגט פאַר איהם אַלעס אַזוי וויא פאַר אייער קינד אין אויך דאָס מעסערעל האָט איהר געברענגט פער זייבעט וועגען גלייך וויא פאַר אייער קינדס וועגען פאַר וואָס דען האָט איהר איהם נישט געגעבען זיין מעסערעל גלייך צוזאַמען מיט אייער יונגעל. אין אויב איהר האָט איהם נישט געברענגט דאָס מעסערעל אין אויך קיינמאָהל ברענגט איהר איהם נישט די זעלבע שפילעכלעך וויא אייער קינד דאַרף מען דאָך דיא זאַך גיט חוקר ודורש זיין פין וואַנעט האָט ער בעקומען דיא אַלע זאַכען:

דער גביר האָט זיך אויך דרויף זייער פער ווינדערט ווייל ער קאָט געוויסט דאָס דער קלײנער יתום. איז זייער אַנערליכער אין ער וועט חלילה קיינמאָהל קיין גראָשען נישט נעמען אַליין אָהן זיין וויסען. וויא דען נעמט ער אויף דיא אַלע זאַכען. האָט ער זיך מיישב

גענוטען

געוועזען אזוי וויא ער קען דעם קליינטשיקען פאר זייער אנארשליכען אין ער וועט חלילה קיין ליגענט נישט זאגען דרובער דארף ער נישט קיין בעסערע חקירות ודרישות צו האבען וויא דעם קליינעם אליין צו פרעגען דער מלמד האט אויך דרויף מסכים געוועזען און דער גביר האט געהייסען תיכף ארייגרופען דעם קליינעם נחומען דער קליינטשיקער איז אריין געקומען דערזעהנדיג דעם רבין האט ער זיך אביסעל פארשעמט וויל ער האט געמיינט דאס דער רבי האט אויף איהם עפיס געפינען א עולה אין ער האט איהם פארמסרט פאר דעם פעטער. אבער זיין פעטער האט איהם נישט לאנג געלאזט אין פערצווייפלונג און ער האט געהייסען דעם מלמד ער זאל איהם פרעגען וועגען זיינע אויבען דערמאנטע פראגע, דער מלמד פרעגט עהם זאג מיר נחומעל וויא האסטו הייגט געגומען אזוי אשעהן מעסערעל אקוראט וויא דיין קאזין שלמה. דער קליינטשיקער נחומעל האט שוין אביסעל פרייער אבגיאטעמט ער האט שוין פארשטאנען דאס דער רבי האט אויף איהם ב"ה קיין עולה חלילה נישט געפינען. אין ער האט גאנץ דרייסט געענטפערט דעם רבין אין פארוואס פרעגט דער רבי נישט מיין קאזין שלמה וויא ער האט זיין מעסערעל גענומען. דער רבי ענטפערט איהם שלמה'ן האב איך נישט צו פרעגען וויל איהם האט זיין פאטער געבראנגט. אבער דיא וויא האסטי גענומען, דער קליינער יתום ענטפערט דעם רבין מיר האט אויך מיין פאטער געגעבען. דער רבי אין דער גביר זיין פעטער ווערען שטארק פערווינדערט אויף דעם קליינעמ'ס תשובה וויל זייא האבען געוויסט דאס ער זאגט נישט קיין ליגענט איז זיי דיא מעשה זייער ווינדערליך פאהר געקומען דאס זיין פאטער זאל קימען פין יענעם עולם אין איהם ברענגען אזעלכע קלייניגקייטען. זאגט דער פעטער צו איהם וויא איז דאס מעגליך דיין פאטער איז דאך שוין געשטארבען אין ער איז שוין נישט מעהר צווישען דיא וועלכע האבען פערשטענדעניס אז מען דארף אקינד געבען שפילעכלעך. דער קליינטשיקער ענטפערט אבער טרומפיערדיג אבער איך מיין גאהר נישט דעם געשטארבינעם פאטער איך האב איך אלעבעדיגען טאטען אין ער ווייסט אלעס וואס איך בעדארף אין ער גיט מיר אלעס תיכף וויא איך פערלאנג גאהר פון איהם אין אויך אויף דעם מעסערעל האט ער מיר גיגעבען. זיי זענען שטארק פערווינדערט געוואהרען איבער זיינע רייד אין דער פעטער רופט זיך אהן צו איהם נו יעצט וועלען מיר מאכען אפראבע רוף ארייו שלמה'לן דער קליינער

אין

איז ארויסגעגאנגען רופען זיין קאזין שלמה'לען און אין אקליינע ווילע זענען זיי ביידע געשטאנען פאר דעם רבין. האט דער גביר געזאגט צו זיין יונגעל שלמה'לע קום אהער אין איך וועל דיר געבען צוויי רובעל דאס קינד האט זייער זיך דערפרייט מיט דער מתנה יעצט זאגט ער צו דעם יתום נו נחום איך האב געגעבין מיין שלמה'לען צוויי רובעל זאל דיר דיין לעבעדיגער טאטע אויך געבען צוויי רובעל.

דער קליינטשיקער נחומ'על איז צוא געגאנגען צוא דעם ארון הקודש וואס איז דארט געשטאנען אין ער האט זיך ארייגעבויגען מיט דעם קאפ אין אהנגעהויבען צוא בעטען לעבעדיגער טאטע. שלמה'לען האט זיין פאטער געגעבען צוויא רובעל גיב דיא מיר אויך צוויא רובעל. אין ער האט אזוי איבער געחזרט עטליכע מאהל לעבעדיגער טאטע ביז ער האט אהנגעהויבען צוא וויינען. פלוצלונג האט זיך דערהערט א קלונג אין באלד נאך א צווייטער אין דער קליינער נחומעל האט ארויס גענומען פון דעם ארון הקודש צוויא נייע זילבערנע רובעל. זיין פעטער אין זיין רבי זענען שטארק איבער רעשט געוואהרען אין זיא האבען דעם קליינעם נחום זייער איבער געבעטען אין פון דאמאלסט זענען זיא זייער געהיט געוועזען זיא זאלען חלילה נישט פוגע בכבודו זיין. אין ער האט געלערענט בהתמדה גדולה אין דעם שטעטעל ביז ער איז שוין געוועזען מיין למדן פון זיינע אלע תלמדים אין ער האט שוין נישט געהאט אין דעם שטעטעל ביא וועמען צו לערנען האט איהם זיין פעטער אוועק געשיקט אין איינער פון דיא גרעסטע ליטווישע ישיבות ער זאל דארט פערפאלקאמענען אין לערנען אין ער איז דארט געזעסען מיט גרויס התמדה אין געלערנט ביא טאג אין ביא נאכט ביז ער האט זיך ערווארבען א גוטען נאמען צווישען דיא ישיבה לייט אין אלע האבען איהם זייער געשעצט אין געאכטעט:

---

## דער רבין ר' נחום טשערנאבלער'ס חתונה:

און דער דאמאלסדיגער צייט איז אין פוילען און אין ליטא דיא תורה זייער חשוב געוועזען זיא איז געוועזען דער איינציגער אידעאל אין דעם יוד'ס לעבען. אין דרובער איז דאס גרעסטע גליק וועלכעס

אַ יוד האָט פאַנטאַזירט אין געשטרעבט דערצוא גשוועזען דאָס ער זאָל מיט זיין טאָכטער טוהן אַ איידעלעם שידוך אין בפרט ווערה עס האָט געקענט שטייגען דער צוא דאָס ער זאָל נעמען אַגוטען ישיבה בחור איז צוא זיין גליק קיין גרעניץ נישט געוועזען. דער סדר איז געוועזען דאָס דער וואָס האָט געוואָלט נעמען אַ ישיבה בחור האָט ער געמוזט דעם ראש ישיבה גיט בעפרידיגען אין דער ראש ישיבה האָט איהם אָהנגעוויזען אויף דעם בחור וואָס איז פאַר איהם פּאַסיג געוועזען, זעלבסט פערשטענדליך דאָס דער בייא האָט דער ראש ישיבה גיט אַכטונג געגעבען דאָס דער שידוך זאָל זיין צוא געפּאַסט לויט דעם יחוס פון דעם בחור וויא אויך עס זאָל דעם בחור זיין געזיכערט דער מאַטריעלעשער עקזיסטענץ דאָס הייסט אַז דער מחותן האָט זיך געמוזט מתחייב זיין דעם יונגענמאַן אויס צוא האַלטען ביז ער וועט ראוי זיין אין בעקומען אַ שטעלע אין וועלכער שטאָדט אַלעס רב אָדער ראש ישיבה:

אזוי האָט זיך אויך צוא דעם ראש הישיבה וואָס רב נחום האָט געלערנט געווענדעט אַ גביר פון דיא גרעסטע מיוחסדיגע משפחות מיט אַ בקשה דאָס ער זאָל איהם אָהנוויזען אויף דעם בעסטען ישיבה בחור וועלכען ער זאָל נעמען אַ חתן פאַר זיין טאָכטער אין ער האָט גיט בעפרידיגט דעם ראש ישיבה. דער ראש ישיבה האָט געפינען פאַר דעם פּאַסיגסטען חתן פאַר דעם גביר דער בעליבסטען ישיבה בחור דעם רב נחום ער האָט איהם פאָהר געשטעלט פאַר דעם גביר אין ביידע צדדים זענען זיך וואָהל געפעלען אין מען האָט מיט מזל געשריבען תנאים אין אָבגעלייגט אַ זמן חתונה. דער גביר האָט געמאַכט אַ רייכע חתונה אזוי וויא פאַר אַ גביר פּאַסט אין ער האָט פערבעטען אַלע גרעסטע לומדים פון דער שטאָדט צוא דעם חתן דער התן האָט געזאָגט אגרויסען דרוש אין ער האָט דרונען אַרויס געוויזען זיינע בעגאַבטע טאַלענטען וואָס ער פער מאָגט דער דרוש איז געוועזען פיהל מיט בקיאות אין דער גאַנצער תורה בבלי אין ירושלמי מיט אַלע מפורשים אין תשובה ספרים האָט ער אַ דורך געוואָרפען אין המשך פון דעם דרוש אין דיא אַלע לומדים האָבען שטאַרק בעווינדערט זיין גרויס חריפות אין בקיאות זייא האָבען געמוזט מודה זיין דאָס זייא האָבען נאָך קיינמאָהל קיין אַזוי אַ דרשה נישט געהערט אין איבער הויפּט נאָך פון אזוי איונגען מאַן זייא האָבען איהם באַלד זייער ליעב בעקומען אין

זייא

זייא האָבען זיך פין איהם כמעט שיידען נישט געקענט. עס האָבען אָהנגעהויבען צו איהם צו צוקומען תלמידים פון אלע זייטען און ער האָט מיט זיי בעלערענט מיט גרויס עמקות. ער האָט זייא געוויזען דעם אמת׳דיגען דרך הלימוד. און ער פלעגט אויך צו שמיסען און לערנען מיט דיא גרויסע לומדים פון דער שטאָט און אויך פון דיא ארומעדיגע שטעדט ווייל ער האָט בעקומען זייער אגוטען נאָמען און דעם גאַנצען געגענד און און אלע שווערע שאלות וועלכע זענען פאָהר געקומען אָדער אַ שווערע שטעלע און לערנען האָט מען זיך געווענדעט צו רב נחומען וויא זייא האָבען בעקומען דיא געניאַסטע ערקלערונגען דאָס מען האָט גאָהר בישט געקענט צווייפלען אַז דאָס איז דער אמת׳ר פשט און עהר האָט אלע טאָג געשטייגט און לערנען ביז עהר איז בע׳שמ׳ט געוואהרען פאַר אַ גרויסען גאון. און זיין שווער האָט פון איהם שטארק מקבל נחת געוועזען און ער האָט געהאַלטען זייער חשוב זיין איידעם רב נחום:

אָבער רב נחום איז געוועזען אָהנגעבערייט צו לעבען נישט בלויז אלעס וועג ווייזער און גלות התורה נאָהר און דער חכמת האמת וועלכע תערט גערופען מיט דעם נאָמען קבלה. וועלכע איז זייער שווער פאַר אקליינעם מוח אדורך צו נעמען און רב נחום דורך זיין שארפען מוח און זיין גרויס גאונות און דיא נהגות התורה איז געוועזען איינער פון דיא פיהל לענדער דאָס נישט מיט זיין גרויס גאונות בלויז און נגלות התורה וועט ער קענען קומען צו דעם אידעאל וועלכער דער מענטש איז בערופען זיך צו פערפאָלקאָמענען. ער האָט געפיהלט אַז עס פעהלט איהם עפּיס גייסטליכעס וועלכעס זיין גרויסע נשמה לעכצט אזוי שטארק דערנאָך. אזוי וויא ער ברענגט און זיין גייסטרייכען ספר מאור עינים. מיר זעהן דאָס פיהל מענטשען וועלכע זענען גאַנץ גרויסע לומדים און זענען זיך מפלפל מיט גרויס חריפות און בקיאות און זיי זענען גאַנץ ווייט פון יראת שמים און דער יצה״ר איז בייא זייא נאָך גאַנץ נישט אָהנגערוהרט אפילו קיין האָר. דרובער ווייל ער איז געוועזען זייער אגרויסער מאמין און די הייליגע רייד פין די חכמים זכרונם לברכה וועלכע דריקען זיך אויס און מסכת קידושין אם פגע בך מנוול זה. דאָס הייסט אויב דער מנוול דער יצה״ר האָט זיך און ד״ר אָהנגעפּגע׳ט און ער רעדט דיך אָהן אַ שלעכטען ח״ו. משכהו לבית המדרש. זאָלסטו עהם צוהען און בית המדרש אריין צו דער גמרא. און אַז דיא וועסט דיך נעמען צום לערנען אם אבן הוא נמוק. אפילו ער איז שטארק וויא אַ שטיין אם ברזל הוא

מתפוצץ אין אפילו עהר איז שטאַרק וויא אַ אייזען וועט ער צוריבען
אין צו שפּריגגען ווערען. אין דאָה זעהט מען בייא דיא לומדים איז נאָך
דער יצה״ר שטאַרקער וויא אייזען אַזוי האָט ער איינגעזעהן אַז נישט
דאָס בלויז פיהרט צו דעם מענטש צו דעם אמת׳דגען שלימות:

אָבער אין אמת אַריין זענען דיא געדאַנקען נישט געוועזען בלויז
אַנאַינערליכער דראַנג נאָהר אַרויף פון הימעל. דאָס ער זאָל זיך
אויך פער טיעפען אין דער חכמת האמת אין ער זאָל דער נאָך קענען
משפיע זיין פון דיא הויכע אידעאַלען אויף דיא וועלכע וועלען הערט
זיין זיך מתדבק צו זיין אין איהם. ער האָט אָהנגעהויבען צו לערנען זוהר
הקדוש אין כתבי האר״י הקדוש אין זיין תלמוד ר׳ חיים וויטאַל זכרונם
לברכה. אין ער איז נישט בלויז יוצא געוועזען מיט דעם לערנען דיא
הייליגע סודות התורה נאָהר ער האָט זיין לעבען אויך איינגעאָרדענט
לויט דעם פערלאַנג פון דיא הייליגע ספרים. נעמליך ער האָט עוסק
געוועזען אין תעניתים און אין אַנדערע סיגופים וועלכע ווערען
אויסגערעכינט אין דיא הייליגע ספרים אַז דער מענטש וואָס וויל זיך
דערנעהנטערען צו השי״ת מוז ער טוהן זיך אָזעלכע פּייניגונגען וועלכע
זאָלען אויסלייטערען דעם קערפּער פין דיא פערגעניגענס וואָס ער האָט
גערהאַט פין דיא עבירות. דערנאָך אַז ער האָט שוין געענדיגט דיא
תשובה אויף אַלע עבירות וועלכע ער האָט געטוהן פין דער יוגענד
אָהן האָט ער זיך אַזוי איינגעאָרדענט ער איז אַלע נאַכט אויפגעשטאַנען
האַלבע נאַכט אין ער האָט זיך אַנידער געזעצט אויף דער פּאָדלאָגע
לעבען אויבען אין געשיט אַש אויף זיין קאָפּ אין געזאָגט דעם סדר
תיקון חצות וואָס דער ר״י הקדוש זכרונו לברכה האָט מסדר געוועזען
מיט גרויס געוויין אין ער האָט געקלאָגט אויף דעם חורבן בית המקדש
אין גלות השכינה הקדושה. אין ער האָט געפאַסט אַלע מאָנטיג אין
דאָנערשטיג. ביז ער איז געוואָהרען אַגרויסער צדיק אין אַ בעל
מדרגה. אָבער נישט קיין מדרגות איז זיין באַגער געוועזען ער האָט
נאָהר געזוכט שלימות אין אמת׳דגען זינן אין דרובער ווען איינמאָהל
עס האָט זיך צוא איהם בעוויזען אַ מלאך וועלכער ער האָט מיט איהם
געוואָלט לערנען אין איהם אַנטפּלעקען סודות התורה, האָט ער איהם
אָבגעזאָגט וויל ער האָט געזאָגט דאָס אַ מענטש דאַרף אַלעס אַליין
זיך אויסאַרבייטען אין אויב ער וועט לערנען אַליין אין ער וועט זוכה
זיין דאָס השי״ת וועט איהם פערשיינען זיינע געדאַנקען דאָס ער זאָל

זעהן

זעהן דיא היילִיגע סודות וועלכע געפינען זיך אין דער הייליגער תורה שבכתב אין שבעל פה ווערט ער דערפון צופרידען זיין אין אויב ער וועט נישט האבען דיא זכי' דאס השי"ת זאל איהם אליין פאר שאהגען דאס ער זאל זעהן דיא גרויסע סודות פון דער תורה איז אראי' דאס ער איז נאך נישט ראוי דערצו אין עס קען איהם נאך חלילה שאדען ברענגען דער יצה"ר זאל איהם ח"ו ברענגען צו א נסיון. אין דרובער האט ער זיך אלעס אליין געמאטערט אין דיא הייליגע ספרים וועלכע זענען פער פאסט פון דיא חכמי האמת אין איבער הויפט פון דעם האר"י הקדוש אין זיינע תלמידים זכרונם לברכה:

---

# דעם רבי'ן ר' נחום טשערנאבלע'ס התקרבות צו דעם הייליגען בעש"ט זכרונו לברכה:

דאמאלסט האט אויף דער וועלט אויפגעשאהנט א נייער שטערן עס איז געקומען דיא צייט דאס דער הייליגער בעש"ט זאל נתגלה ווערען אין אויף דער גאנצער וועלט זאל זיך פערשפרייטען דיא שיטת החסידות וואס דער הייליגער בעש"ט זכרונו לברכה האט אנטפלעקט. דער הייליגער בעש"ט האט זיך גענומען אנפאנגט צוא בעווייזען זייער גרויסע ווינדערליכע זאכען. אין דיא וועלט איז דער פון איבער ראשט געוואהרען. אבער נישט דאס איז גענוג געוועזען צוא ווירקען אויף דיא גרויסע תלמידי חכמים דאס זייא זאלען זיך באהעפטען צוא דעם הייליגען בעש"ט. אין בייא פיהל האט דאס אפילו ארויס גערופען א שטורם וויל זייא האבען געמיינט דאס ער איז ח"ו משתמש מיט שמות הקדושים וואס דאס איז נישט ערלויבט. אבער רב נחום מיט זיין גאוגישען אין הייליגען פערשטאנד אויס הערענדיג פון דעם הייליגען בעש"ט'ס פיהל פער עהרער דיא תורות וואס ער איז מגלה אין דיא אלע שווערע שטעלען פון דער חכמת האמת וועלכע ער האט ריכטיג ערקלערט האט ער איינגעזעהן דאס דער מענטש איז זייער א הייליגער מענטש אין ער בעזיצט דעם אמתדיגען טאלאנט משפיע צוא זיין אויף דיא גרעסטע לומדים יראת שמים אין צוא דערפוהלען דעם ריכטיגען וועג וועלכע דיא הייליגע תורה לערינט איננ וואס אין דעם

וועג

וועג וועט טאקע דער יצה"ר שוין קיין שליטה נישט האבען צוא דעם מענטש איהם אהגצורעדען צוא קיין ביינז אין דיא תורה וועט דעם יצה"ר צוא צירייבען אויף שטיקלעך אזוי וויא אינזערע הייליגע חכמים זאגען אין מסכת קידושין. אין דרובער האט רבי נחום אהנגעהויבען זייער צו גליסטען מתדבק זיין זיך צוא דעם גרויסען ליכט וואס האט) פערשאהגט פאר זיינע אויגען דער הייליגער בעש"ט אין זיין אופן לערנען אין דביקות צוא השי"ת, ער האט מיט דיא עטליכע תורות וועלכע מען האט איהם נאכגעזאגט זיך שטארק משתעשע געוועזען אין דורך זיי האט ער פעשטאגען אויף פיהל אנדערע שטעלען וועלכע זענען איהם שווער געוועזען:

לייד ער אבער האבען דיא פיהל מענטשען מעהרסטענס נאהר דערציילט מופתים וועלכע זענען ביא זייא געוועזען דער עיקר אין תורה האבען זייא גאנץ ווינציג געדענקט טייל האבען באלד דאס נישט אויף געפאסט ווייל זייא זענען נאהר בעקומען מיט זייערע בקשות אין טייל ווייל דער דרך פין דעם בעש"ט תורות איז זייא געוועזען אומבעקאנט אין דרובער האט ער זייער געגליסט דאס ער זאל זיך זוכה זיין צו זעהן מיט דעם הייליגען בעש"ט פנים אל פנים אין צוא הערען פין זיין מויל דיא בעגייסטערטע חידושי תורה. אבער נישט אזוי לייכט איז איהם זיין דאזיגע רייזע אהנגעקומען דער יצה"ר וועלכער האט איינגעזעהן אין דעם התקרבות פין דעם גרויסען גאון אין טעלאנטפילען רעדנער צוא דעם הייליגען בעש"ט אין צוא זיין שיטת החסידות אגרויסען געגנער צוא זיינע פערדארבענע פלענער וועלכע ער שטעלט פאהר פאר דעם ענטשענטהום, האט ער אויס געוועבט פיהל פאכיגע נעטץ פין פארשידענע נסיונות אין שטרויכלינגען אין דעם דאזיגען וועג. אין נאהר אזוי אגרייסער גייסטיגער מענטש וויא רב נחום איז געוועזען אין שטאנד די אלע נסיונות ביי צוא קימען אין זיין פארלאנג צוא פאהרען צוא דעם הייליגען בעש"ט צוא פערווירקליכען. אבער פיהל מיה האט איהם געקאסט ביז ער איז געקומען קיין מעזיבעז:

---

# דיא אויפנאמע וואס ר׳ נחום טשערנאבלע׳ר האט געהאט קימענדיג דאס ערשטע מאהל צום הייליגען בעל שם טוב :

נאך דיא גרויסע שוועריקייטען וועלכע ר׳ נחום האט געהאט אין זיין דאזיגען וועג. אין דורך דעם וואס ער איז דעם גאנצען וועג געגאנגען צו פוס זענען זיינע קליידער צו ריסען געווארען אין זיין גאנצער גליק איז געוועזען וואס גייענדיג אין וועג איז איהם שווער געוועזען צו טראגען דעם פאלטאן אויף זיך אין דרובער האט ער איהם איינגעפאקט אין דעם זעקעל אריין אין איז געגאנגען בלויז אין דער אינטערשטער קאפאטע האט ער דעם אויבערשטען פאלטען נישט צוריסען. דעם פרייטיג איידער דער רבי נחום איז געקומען קיין מעזיבעז האט דער הייליגער בעש״ט געזאגט צו זיין פרוי דיא רביצין זיא זאל דעם שבת צו גרייטען מיט מעהר רחבה וויא אלע שבת ווייל ער רעכנט זיך אויף א גרויסען גאסט וועלכער פאהרט צו איהם דאס ערשטע מאהל פון אווייטע שטרעקע. אבער ווען דער רבי ר׳ נחום איז שוין אהנגעקומען אין איז אריינגעקומען צו דעם הייליגען בעש״ט שלום נעמען האט ער איהם ווייניג התקרבות געוויזען אין צו דער רביצין האט ער געזאגט זיא זאל זיך פאר דעם יונגענמאן שטארק היטען ווייל ער איז א גנב די רביצין האט זיך זייער גענווינדערט ווייל דער בעש״ט האט איהר געזאגט דאס זיא זאל אהנגרייטען א ברייטען שבת ווייל ער רעכנט זיך אויף א גרויסען גאסט אין דאהה איז קיינער נישט געקומען אויף שבת גאהר דער יונגערמאן. אין בעזינדער אויב ער איז א גנב ווער נייט דאס איהם ער זאל איהם גאהר דא אריין לאזען צו זיך. אייבער דעם האט זיא פערשטאנען אז דאהה איז עפיס נישט אזוי פראסט אין זיא האט אהנגעהויבין דעם יונגענמאן נאכצושפירען אויף יעדען טריט אז זיא זאל דערגיין וואס איהר מאן דער הייליגער בעש״ט מיינט דער מיט אבער זיא האט גיזעהן דאס דער יונגער מאן איז איינער פון די אבגעהיטענסטע אין אלע ענינים אזוי אז עס פאסט פאר אזוי אגרויסען וואס דער הייליגער בעש״ש רעכנט זיך אויף איהם אין הייסט ספעציעל צו גרייטען א ברייטען שבת פער זיין כבוד וועגען. אין דרובער איז בייא איהר געבליבען דיא לעצטע ווערטער פון איהר הייליגען מאן דער בעש״ט אזוי וויא ארעטענים וויא

קענע

קימט דאָס אזוי א גרויסער ערליכער מענטש זאָל חלילה זיין א גנב זיא האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען ווייל זיא האָט נישט געוויסט וועלכע רייד פון איהר הייליגען מאַן דער בעש"ט זענען אמת און זיא איז אריין געגאַנגען פרעגען דעם בעש"ט פאַרוואָס ער זאָגט דאָס דער יונגערמאַן איז אַ גנב זיא האָט עהם גיט נאָכגעקיקט און זיא זעהט דאָס ער איז אַ גרויסער ערליכער יוד. דאַמאָלס האָט איהר דער הייליגער בעש"ט גיענטפערט מיט אַ שמייכל אָבער ער וויל דאָך אוועק גנב'ענען דאָס גאַנצע גן עדן:

פרייטיג צו נאַכטס אַ היים קימענדיג פון דאַווינען האָט דער הייליגער בעש"ט געזאָגט שלום עליכם און אויך קידוש געמאַכט און אויבערשטען מלביש אין די לינקע האַנד האָט ער געהאַלטען אין דער קעשינע און כוס אין דער רעכטער האַנד אזוי פלעגט ער זיך אַ לענגערע צייט נוהג זיין, די וועלט זאָגט אַז דער בעש"ט האָט דיא הנהגה מקבל געווען פון זיין הייליגען תלמיד דער רבי ר' פנחס'על קאָריצער זכרונו לברכה. רבי נחומען האָט דיא הנהגה פון בעש"ט זייער געניצט ווייל וויא מיר האָבען שוין דערמאַנט איז זיין אינטערשטע קאַפּאָטע און זיין לאַנגען וואַנדער וועג צוריסען געוואָהרען און אפילו נאָכדעם וואָס ער האָט זיא פאַר רעכט איז איהם אויך שוועהר געוועזען אין איהר צו גיין ווייל זיא איז געוועזען איין לאַטע אויף דער צווייטער. דרובער וויא ער האָט געזעהן דאָס דער הייליגער בעש"ט מאַכט קידוש אין זיין אויבערשטען פאַלטען איז ער דער פון זייער צופרידען געוועזען. דאָס ער וועט אויך קענען קידוש מאַכען אין דעם אויבערשטען פאַלטאַן און ער וועט נישט דאַרפען זיצען אין דער געלאַטיטער קאַפּאָטע. און וויא ער האָט קידוש געמאַכט אין דעם אויבערשטען פאַלטען האָט דער בעש"ט צוא איהם געזאָגט וואָס ביסטו געקומען דאָהע אַ הער מיר אַלעס נאָך מאַכען זאָלסט שוין אויסטוהן דעם פאַלטען. זעלבסט פערשטענדליך דאָס רבי נחום האָט געמיזט פאָלגען און תיכף אויסטוהן זיין אויבערשטען פאַלטען. דיא רבצין וועלכע האָט שוין געוויסט וואָס פאַר אַ גרויסער צדיק דער יונגער מאַן איז האָט זיא געפרעגט איהר מאַן דעם הייליגען בעש"ט דיא זעהסט דאָך דאָס זיין אינטערשטע קאַפּאָטע איז צו ריסען און געלאַטעט איין לאַטע אויף דער צווייטער און דרובער שעמט ער זיך אזוי צו גיין און ער האָט הנאָה דאָס ער זיצט חאָטש איבער דעם טיש אין דעם אויבערשטען פאַלטען. וועלכער איז נישט צוריסען פאַר וואָס זאָלסטו איהם פערשאַפען

קרענקונג

קרענקונג דאָס ער זאָל אפילו בייא דעם עסען אויך זיך דער מאַגען זיין לאַגע אין זיין אַרימקייט. האָט דער הייליגער בעש"ט איהר גיגענטפערט קענסט דיא דען דעם יונגען מאַן. ער וויל צו נעמען דאָס גאַנצע גן עדן אין עולם הבא מיט זיינע מעשים טובים. אָבער נישט דרויף איז זיין כוונה דאָס ער זאָל גיין אין אַ שיינע קאַפּאָטע אָדער אַ גלאַטיטע דאָס אינטערעסירט איהם גאַנץ ווייניג אין ער האָט דערפון קיין עגמת נפש נישט. אָבער אויסערליך האָט זיך גיקענט דאַכטען דאָס דער הייליגער בעש"ט איז רבי נחום'ען מרחק אין ווען נישט דאָס גרויסע ערינסטקייט וועלכע רבי נחום איז געוועזען אַדורך געדרונגען וואָלט ער נישט געוועזען זיך מעהר אויפגעהאַלטען ער זאָל זיין בייא דעם הייליגען בעש"ט. נאָהר וויל ער האָט באַגערט דעם אמת'דיגען תכלית אין דאָס האָט ער געפינען בייא דעם הייליגען בעש"ט האָט ער נישט געקוקט אויף דיא אַלע אנגענעמענע זאַכען וועלכע ער האָט געמוזט אויס שטייען אין ער איז ווייטער פערבליבען אין מעזיבעז בייא דעם הייליגען בעש"ט אין ער האָט געשלינגען יעדען וואָרט וואָס איז אַרויס געגאַנגען פון זיין הייליג מויל ביז ער האָט זיך פערפאָלקאָמט אויף אין דער שיטת החסידות וועלכע דער הייליגער בעש"ט האָט מחדש געוועזען אין ער איז געוואָהרען איינער פון דיא פערשפרייטער פון דעם בעש"ט תורות:

---

## וויא לאַנג דער רבי ר' נחום איז געוועזען ביי דעם הייליגען בעש"ט זכרונו לברכה:

וויא לאַנג דער רבי ר' נחום איז אין דעם מאָהל געוועזען אין מעזיבעז בייא דעם הייליגען בעל שם טוב אין וויפיהל מאָהל ער איז דער נאָך געוועזען בייא דעם הייליגען בעש"ט איז נישט בעוויסט אָבער דיא וועלט זאָגט אז דער רבי ר' נחום איז נישט מעהר געוועזען בייא דעם הייליגען בעש"ט וויא נאָך איינמאָהל, דיא השערה שטיצט זיך דרויף וואָס דער רבי ר' נחום שרייבט אין זיינע ספרים פיהל מאָהל תורות פון זיין רבי'ן דעם הייליגען בעש"ט אָבער נאָהר צווייםאהל רופט ער איהם מיט דעם נאָמען „רבי מורי" הבעש"ט. און

אין

אין דיא רעשט ערטער ברענגט ער דעם הייליגען בעש"ט אהן דעם טיטעל „רבי מורי":

---

## דער רבי ר' נחום האט אזוי שטארק געהאלטען פון זיין רבי'ן דעם הייליגען בעש"ט אז ער האט געזאגט דאס ביז משיח וועט קימען וועט זיין גלייבען נישט זיין:

נאך דעם וויא דער הייליגער בעש"ט זכרונו לברכה איז נפטר געוואהרען. האבען דיא גרעסטע פון זיינע תלמידים אויס געקליבען פאר זיינע נאך פאלגער אין ווייטערער פערשפרייטער פון דעם הייליגען בעש"ט זכרונו לברכה תורות אין שיטת החסידות זיין גרעסטען תלמיד דער גרויסער גאון אין צדיק דער רבי ר' בער וועלכער איז בע'שמ'ט געוועזען מיט דעם נאמען דער מעזריטשער מגיד זכרונו לברכה אין דער רבי ר' נחום האט אויך אהנגעהויבען צוא פאהרען צום רבי'ן ר' בער קיין מעזריטש אין ער איז געווארען זיין תלמיד מובהק אזוי וויא מיר זעהן אין זיין ספר מאיר עינים ברענגט ער דעם רבי'ן ר' בער פיהל מאהל אין ער בעניצט זיך מיט זיינע ווערטער אין שטעלט אויף זייא גאנצע דרושים. דיא חסידישע וועלט האט דאמאלסט געשמיסט דאס דער גרויסער גאון אין צדיק דער גרעסטער פון דעם בעש"ט תלמידים דער רבי ר' פנחס'ל קאריצער זכרונו לברכה האט זיך מצער געוועזען וואס דיא חסידים האבען איהם נישט אויס געקליבען נאך דעם הייליגען בע"ש טובס פטירה פאר קיין מנהיג אין ער האט דורך דעם היזק געהאט אזוי א חשובן תלמיד וויא דער רבי ר' נחום. דיא זאך שטיצט זיך אויף דעם וואס מען האט אמאהל געהערט פון דעם רבי'ן ר' פנחס'על קאריצער זכרונו לברכה דאס ער האט געזאגט. פון דער גאנצער חברה וועלכע איז געוועזען בייא דעם רבי'ן דאס האט ער געמיינט דעם הייליגען בעש"ט זכרונו לברכה איז מיר נישט קיין שאדע נאהר דער איינער ליטוואק וואס איז געוועזן דער רבי ר' נחום וועלכען דער רבי ר' פנחס'על קאריצער זכרונו לברכה פלעגט איהם רופען מיט דעם נאמען ליטוואק:

[illegible]

**פֿאָהרענדיג** צום רבי'ן ר' בער האָט ער שוין זיך געפֿיהרט אביסעל רעביש אין פיהל תלמידים פלעגען אויך צוא איהם צוא פֿאָהרען מיט זיין רבינס ידיעה וויל דער רבי ר' בער האָט איהם שוין געהאַלטען נישט בלויז פאַר א תלמיד נאָהר אויך פאַר א חבר אין ער פלעגט פיהל מאָהל מיט צי נעמען זיינע תלמידים קיין מעזריטש צום רבי'ן ר' בער. איינמאָהל איז דער רבי ר' נחום געפֿאָהרען קיין מעזריטש אין ער האָט מיט גענומען מיט זיך צוויא פֿין זיינע גרעסטע תלמידים, וויא זייא זענען אָהנגעקומען קיין מעזריטש אין זייא זענען געגאַנגען שלום נעמען האָבען זייא געטראָפען דעם רבין ר' בער זיצען מיט זיין זוהן ר אברהם וועלכען דיא וועלט האָט געקריינט מיט דעם נאָמען „המלאך" זייא האָבען שלום גענומען. אין דער רבי ר' נחום איז זיך צוריק געגאַנגען אויף זיין סטאַנציע. וועהרענד זיינע צווייא תלמידים זענען נאָך פערבליבען בייא דעם רבי'ן ר' בער הערענדיג דאָס געשפרעך וואָס איז פאָהר געקומען צווישען דעם רבי'ן ר' בער אין זיין זאָהן ר' אברהם המלאך עס האָט געדויערט אַנערך פֿין אַ שעה. אין דיא צווייא תלמידים האָבען שטאַרק בעגייסטערונג בעקומען פין דעם הייליגען געשפרעך וואָס זייא האָבען דאָרט געהערט דאָס צוריק קומענדיג אויף דער סטאַנציע האָבען זייא געזאָגט צוא זייער רבין דער רבי ר' נחום דאָס לויט זייער מיינונג איז קיין מעגליכקייט נישט דאָס עס זאָל נאָך זיין אַזעלכע צדיקים וויא דער הייליגער רבי ר' בער אין זיין זאָהן דער מלאך ביז משיח וועט קומען. דאַמאָלסט האָט זייא רבי נחום גיענטפערט. איהר האָט דאָך געוויס געלערענט וואָס אינזערע הייליגע הכמים זאָגען אויף דעם פסוק וזרח השמש ובא השמש. דאָס הייסט אַזוי וויא דיא זינן שיינט דעם צווייטען טאָג ווידער אויף. אַזוי זענען דיא צדיקים אויך. השי"ת נעמט נישט צו איין צדיק פין דער וועלט ביז ער בעשאַפט זיין נאָכפאָלגער אין עס ווערט אַזוי א צדיק געבאָהרען. אָבער אַזעלכע וויא אונזער רבי דער הייליגער בעש"ט זכרונו לברכה אזעלכע וועט שוין טאקע נישט זיין ביז משיח וועט קומען. אַזוי וויא דער הייליגער בעש"ט זכרונו לברכה שרייבט אַליין אין זיין בריף צו זיין הייליגען שוואָגער דער גרויסער גאון אין מקובל ר' גרשון קיטובער קיין ארץ ישראל. דאָס ער האָט אייבּאָהל. געהאַט עליות נשמה אין ער איז מיט זיין רבין אחי' השילוני הייבּגעגאַנגען אין דיא עולמות עליונים ביז ער איז געקומען אין דעם היכל אריין וויא משיח זיצט אין לערינט תורה מיט

דיא

דיא תנאים אין גרויסע צדיקים. האָט ער גיפרעגט משיח'ן ווען ער וועט קומען אויסלייזען דיא יודען פון גלות. האָט משיח איהם גיענטפערט דאַמאָלסט ווען די שיטת החסידות וואָס דיא האָסט מחדש גיוועזען וועט בע'שמ'ט ווערען אויף דער וועלט אין אַללע וועלען לערנען אַזוי וויא דיא לערינסט אַזוי וויא איך האָב דיך געלערינט. זעהן מיר דאָך. דאָס משיח האָט אַליין געזאָגט דאָס ביז ער וועט קומען דארף מען אין מען וועט שוין מער נישט פערברייטערען דיא שיטת החסידות וואָס דער הייליגער בעש"ט האָט מחדש געוועזען וועט דאָך שוין קיין אַזוי אַ רבי נישט זיין ביז משיח וועט קימען אַזוי גרויס האָט דער רבי ר' נחום געהאַלטען פון זיין הייליגען רבי'ן דער בעש"ט זכרונו לברכה:

---

## דער רבי ר' נחום האָט זיך בעקענט מיט דעם רבי'ן ר' לייב שרה'ס ז"ע:

דאָרט ביי דעם הייליגען ר' בער האָט זיך דער רבי ר' נחום געלערענט אין דער שיטת החסידות וועלכעס איז דיא איינציגע ריכטיגע עקרלערינג אויף אַלע פראַגען וועלכע מען קען על פי פשוט נישט ערקלערען אין ער האָט זיך אויך בעקענט מיט דיא גרויסע צדיקים פון יענעם דור וועלכע זענען מעהרסטענטהייל געפאָהרען צום הייליגען רבי'ן ר' בער קיין מעזריטש. אין וויא דיא מתנגדים האָבען אָהנגעהויבען צוא רודפען דיא חסידים אין דיא חסידים האָבען שוין נישט געקענט איבער האַלטען דיא רדיפות. אין זייא האָבען דיא מתנגדים מחרים געוועזען געפינען מיר דעם רבי'ן ר' נחום אויך צווישען דיא צעהן וועלכע האָבען דרונגען בעטייליגט זיך דאָרט האָט ער זיך אויך בעקאַנט מיט דעם רבי'ן ר' לייב שרה'ס וועלכער זיין עבודות איז געוועזען צוא שפייזען דיא ל"ו צדיקים וועלכע טאָהרען זיך נישט מגלה זיין ער האָט זיך אויך וועגען זייא משתדל געוועזען אין ער האָט זיין זאָהן דעם רבין ר' מאָטעלע דיא זאַך איבער געגעבען אין יונגענמאַגוויים האָט ער איהם בעקאַנט געמאַכט ומיט דיא ל"ו צדיקים אַזוי וויא מיר זעהן פון דער מעשה:

דער הייליגער רבי ר' לייב שרה'ס זכרונו לברכה ער איז געוועזען
בעווסט אויף דער וועלט דאס ער פלעגט צוא שפייזען דיא
פאורבארגענע צדיקים וועלכע זענען אין דער צאהל פון זעקס אין
דרייסיג אין יעדען דור אין דרובער רופט זייא דיא וועלט למד וואוניקעס
אין ער פלעגט זיך אזוי אויף פיהרען ער האט געדינגען אין א שטאדט
אגעוועלב אין קיין סחורה האט ער נישט ארין געלייגט נאהר ער
פלעגט צוא שטיין אין געוועלב בייא דער טיהר אין פלעגט צוא רופען
דעם מענטש וועלכע ער האט גידארפט א תיקון אין ער פלעגט איהם מתקן
זיין אין דרובער פלעגט ער מעהר סטענטהייל צוא דינגען זיך אגעוועלב
אין דיא שטעט וואס עס פלעגען פאהר קומען גרויסע יאהר ירידים.
איינמאהל האט ער זיך געדונגען אגעוועלב אין לענטשנע וואס דארט
פלעגט פאהר קומען אלע יאהר אגרויסער יריד אין ער איז געשטאנען
בייא דער טיהר פון דעם געוועלב אזוי ווייא זיין געוואהנהייט איז
שטענדיג געוועזען אין ער האט גיט אהנגעקיקט דיא אלע פערבייא
געהענדע מענטשען האט ער דערזעהען אחברה מענטשען לויפען זייער
געשווינד האט ער זייא צוא גערופען אבער זייא האבען זיך
זייער געאיילט אין האבען איהם גיענטפערט דאס זייא האבען
יעצט זייער קיין צייט נישט זיך מיט איהם אבצושטעלען. האט ער אויף
זייא געגעבען א געשרייא אזוי בארענעם וויא לאנג נאך וועט איהר אייך
ארום שלעפען געשווינד קומט אהער. זענען זייא ארין געגאנגען אין
געוועלב ארין האט ער זייא אויסגעהויבען דיא קאפאטעס אין ער האט
זייא געוויזען דאס זייא גייען אין תכריכים אין ער האט זיי מתקן
געוועזען. אין אזוי פלעגט ער אויך פיהל מאהל צו רופען וועלכען מענטש
אין בארגען בייא איהם א גמילת חסד אויף א צייט אין יעדערער האט
געוויסט אז דאס געלד שיקט ער אוועק צו די ל"ו צדיקים דערובער האט
יעדערער וואס האט נאהר געהאט דיא זכי' אז דער הייליגער רבי ר'
לייב שרה'ס זאל זיך בארגען בייא איהם געלט איז ער דערמיט שוין
געוועזען צופרידען בפרט נאך אז ער האט געוויסט אז דאס געלט גיט
ער אוועק דיא ל"ו צדיקים, וואלט יעדער מענטש געוועזען צו פרידען
אז ער זאל ביי איהם דאס געלט נעמען בתורת נדבה. נאהר דער רבי ר'
לייב האט אבער בזהאלטען ווארט אין ער פלעגט אב צו געבען פינקטליך
יעדען מענטש אפילו קיין איין מאהל האט זיך נישט געטראפען דאס ער

זאָל פערשפעטיגען דעם טערמין אפילו איין טאָג שפעטער וויא ער האָט צו געזאָגט. אין קיין שום מענטש האָט נישט געוויסט וויא דער רבי ר׳ לייב האָט גענומען דאָס געלט אָבצוגעבען דיא גמילת חסדים׳ס. פונקט אַזוי וויא עס האָט קיינער נישט געוויסט זיין גאַנץ וואונדערליך אויפפיהרונג. אין אַמאָהל פלעגט ער אוועק צו פאָהרען אין אַנדערע שטעטליך אין לייען בייא פערשידענע מענטשען געלט, אין ער פלעגט יעדערען אויסזעצען איין געוויסע צייט אין דעם טערמין איז ער פינקטליך געקומען צו פאָהרען אין ער האָט דעם מענטש אָבגעבערענגט זיין געלט אָהן אַ שום עיכוב:

איינמאָהל איז ער געוועזען אין אַ שטעטיל אין ער האָט געזאָגט צו אַ יונגען מאַן ער זאָל איהם האָרגען דריי הונדערט רובעל, דער יונגער מאַן האָט פונקט אַזוי פיהל פערמאָגט קיין איין גראָשען נישט מעהר. אין ער האָט איהם צו געזאָגט אָבצוגעבען צו דער בעשטימטער צייט. האָט איהם דער יונגערמאַן גיענטפערט. איך בעט זייער דעם הייליגען רבין ער זאָל אויף מיר קיין פאַראיבעל נישט האָבען ווייל איך צווייפעל חלילה נישט אין דעם צוטרוי פון דעם הייליגען רבין אין איך ווייס פערגעוויס דאָס דער רבי וועט מיר צו דער בעשטימטער צייט אָבגעבען דאָס געלט. אָבער ווייל דאָס איז דאָך מיין גאַנצער פערמעגען אין איך גיב דאָס אין גאַנצען אוועק דעם רבין אין איך לאָז מיר קיין איין גראָשען נישט איבער. דרובער פערלאַנג איך פון דעם רבין אויך ער זאָל מיר דערפאַר אָבטהון אַ טובה. נעמליך אַזוי וויא דיא גאַנצע וועלט זאָגט אַז דאָס געלט וואָס איהר בארגט אייך שיקט איהר אַוועק צו דיא ל״ו צדיקים. דרובער פערלאַנג איך פון אייך אויך אַ טובה אַז איהר זאָלט מיר ווייזען תּאָטש לכל הפחות איינעם פון דיא ל״ו צדיקים. האָט איהם דער הייליגער רבי ר׳ לייב גיענטפערט דיא פערלאַנגסט זייער אַ גרויסע טובה נאָר בעווייל דו באָרגסט מיר אַוועק דיין גאַנץ פערמעגען, וועל איך דיר אויך די זאַך צוליעב טוהן נאָהר עס איז יעצט נישט דיא צייט אין דאָס אָרט דערצו אין אויך דיא ביסט נאָך נישט ווערט דיא זאָלסט זוכה זיין צו זעהן דיא גרויסע בעהאַלטענע צדיקים אלזא זאָלסטו פון היינט אָהן זעהן זיך גוט אויפפיהרען און תשובה צו טוהן אויף דיא אַלע עבירות וואָס דיא האָסט בעטהון ביז היינט אין ווען דיא צייט וועט קימען אין דיא וועסט שוין ראוי זיין צו זעהן דיא בעהאַלטענע צדיקים וועל איך דיר שוין אַליין מודיע זיין דער יונגערמאַן האָט געבערענגט

דאס

דעם רבין ר' לייב די דרייא הינדערט רובעל. אין עס איז געקומען דער טערמין פון דער הלואה האט דער רבי ר' לייב דעם יונגענמאן אבגעבערענגט די דרייא הינדערט רובעל אין ער איז זיך צוריק אוועק געפאהרען:

איינמאהל איז דער רבי ר' לייב געקומען צו פאהרען אין דעם שטעטיל אריין וויא דער יונגערמאן האט געוואהנט אין ער האט דעם יונגענמאן אריין גערופען אין איהם געזאגט מיין קינד איך האב דאך אמאהל דיר צו געזאגט אז איך וועל דיר ווייזען איינעם פון די ל"ו צדיקים יעצט איז דער זמן דער צו. אלזא זאלסטו פאהרען קיין בערדיטשוב אין זאלסט דארט שבת האלטען אין שבת צונאכט פינקט צוועלף אזייגער זאלסט דיא גייען אין דער אין דער גאס אין זאלסט בית אכטונג געבען אין אלע פאהרענדיגע לאדען ווסט דיא זעהן אז עס איז פינסטער נאהר אין איין שטיב וועט ארויס פונקלען א שואכע לעכט דורך דעם פענסטער דאן זאלסט דיא דארט אריין גייען אין דארט וואהנט איינער פון די ל"ו צדיקים וואס אין זייער זכות שטייט דיא וועלט:

דער יונגער מאן איז תיכף אוועק געפאהרען קיין בערדיטשוב אין ער האט דארט שבת געהאלטען אין שבת צוא נאכט'ס איז ער געזעסען מיט גרויס אונגעדילט אין געהאפט אז עס זאל שוין ווערען צוועלף אזייגער יעדע מינוט איז בייא איהם גרויס געוועזען וויא א יאהר. ענדליך האט ער שוין דערלעבט דאס דער זייגער האט אויס געשלאגען צוועלף מאהל איז ער א פרייליפער ארויס געגאנגען אין דער גאס אריין וואס דער רבי ר' לייב שרה'ס האט איהם געזאגט אין ער האט זיך גיט אומגעקיקט איז טאקע אזוי געוועזען דאס אין דער גאנצער גאס איז נישט געוועזען צוא בעמערקען קיין שום ליכטיגקייט נאהר דורך דיא לאדען פון איין קליין הייזעל האט ארויס געשטראהלט עפיס ארותניות'דיגע ליכטיגקייט. דער יונגער מאן איז שטילער הייט צוא געגאנגען צוא דעם הייזעל אין ער האט דורך געקוקט דורך דיא שפארעס פון דיא לאדענס האט ער געזעהן דאס אין שטיב זיצט איין שניידער אין ער האט גענייט אנאלט מלבוש ער האט זיך גיט צוא געקוקט האט ער געזעהן דאס אבוואהל זיין אויסערליכער אויסקוק מאכט זייער נישט קיין אנגענעמענעם איינדרוק אבער אז מען גיט אכטונג מיט מעהר אויפמערקזאמקייט זעהט מען דאס אינמיטן דעם אויסערליכען שניידערישע

גראבען

גראָבּען שלייער איז צוא געדעקט אגייסט וועלכעס נאָהר צווישען דיא ל"ו צדיקים געפינט עס זיך. אַלזאָ האָט ער זיך מיישב געוועזען אַזוי עס פּאסט דאָך נישט גלאַט אַריין צוא גיין אין ער זעהט דאָך דאָס ער זיצט אין לאַטעט אַ אַלטע קאַפּאָטע וועט ער אַריין גייען מיט אַ אויסרייד דאָס ער זאָל איהם אויך עפּיס פאַרעכטען. ער האָט עקסטרע זיך איינגעריסען דעם פּאַלטען אין ער איז אַריין געגאַנגען צוא דעם בעהאַלטענעם צדיק אין ער האָט הויך געזאָגט גיט וואָך דער שניידער האָט איהם גיענטפערט אַ גיט יאָהר אייך ער האָט זעלבסט פערשטענדליך גיענטפערט אמן מיט דעם גאַנצען כח אין ער האָט זיך זייער געפרייט דאָס ער האָט זוכה געוועזען צוא אַ ברכה אויף אַ גאַנץ יאָהר פין איינעם פין דיא גרעסטע צדיקים וועלכע דיא וועלט שטייט אין זייער זכות. דערנאָך האָט איהם דער שניידער געפרעגט וואָס ווילט איהר האָט ער איהם געזאָגט דאָס אזוי ווי גייענדיג אין דער גאַס איז איהם צו ריסען געוואָהרען זיין פאַלטען אין ער האָט דורך דיא לאָדען געזעהן אַז דאָה אין נאָך ליכטיג איז ער צוא געגאַנגען אין ער האָט געזעהן דאָס דאָה וואָהנט א שניידער איז ער אַריין געגאַנגען דאָס ער זאָל איהם פאַררעכטען דעם פאַלטען ער האט אַרויס גענומען אַרובּעל אין איהם געגעבען. האָט דער שניידער איהם געפרעגט פאַר וואָס זיר גיט איהם עפּיס אַזוי פיהל. האָט דער יונגערמאַן געזאָגט דאָס ער בעלאָהנט איהם לויט זיין געפיהל ווייל עס איז יעצט שבת צונאַכטס אין עס איז שוין אַזוי שפּעט נאָך האַלבע נאַכט וואָלט ער דאָך נישט בעקומען קיין שניידער ער זאָל איהם דעם פּאַלטען ווערען פאַרדעכטען וויא אויך ער האָט מטריח געוועזען אַזוי אַנאַלטען מאַן דרובּער איז דאָס בייא איהם ווערט אַרובּעל ער זאָל נישט דאַרפען צוריק צוא גייען אין אַצוריסענעם פּאַלטען אין אמת אַריין האָט ער געוואָלט מהנה זיין דעם גרויסען בעהאַלטענעם צדיק. דער שניידער האָט דעם רובּעל געמיזט צוא נעמען ווייל דיא ל"ו ניקעס היטען זיך שטאַרק דאָס עס זאָל קיינער פין זייא נישט געוואָהר ווערען אין אויב ער וועט זיך איינשפּאַהרען דאָס ער וויל נישט נעמען אַזוי פיהל געלט וועט דאָרך דער מענטש זיך אָהנמערקען אַז דאָס איז עפּיס נישט קיין געוועהנליכער שניידער ווייל דער פּראָפעסינעלער שניידער וויל דאָך רייסען וואָס מעהר געלט אין ער וועט איהם דער פאַר גיט בעצאָהלען ווייל ער איז אַ גרויסער סוחר אין עס איז פאַר איהם גיוויט שיין צוא גיין אין אַ צוריסענעם פּאַלטען אויף דער סטאַנציע

האָט איהם דער שניידער געזאָגט זייער גיט מהיכי תיתי דאָס איז דאָך מאַקע מיין פרנסה. טהוט אוס דעם פּאַלטען וועל איך איהם פאַררעכטען דער יונגער מאַן האָט אויס געטוהן דעם פּאַלטען אין דער שניידער האָט איהם אָהנגעהויבען צוא פאַררעכטען ער האָט געניים שטאָך בייא שטאָך ווייל באמת איז ער דאָך נישט געוועזען קיין שניידער נאָהר ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט דעם פאַך אָב צוא ציהען פון זיך דאָס אויפמערקזאַמקייט פין מענטשען. אָבער דעם יונגען מאַן האָט דאָס נאָך זייער אַ אַנאָה געטהון ווייל ער האָט געוואָלט דאָס עס זאָל וואָס לענגער געדאָהרען אין ער זאָל קענען זיצען בייא דעם בעהאַלטענעם גרויסען צדיק אין שטיב.

**ענדליך:** האָט דער שניידער דעם פּאַלטען פאַר ראָכטען אין ער האָט געגעבען דעם יונגען מאַן. האט דער שניידער צוא גענימען דאָס געלט בעוויל עס לויגט דאָך גיט ער זאָל ניט וועלען נעמען דאָס געלט. דער יונגערמאַן האָט אָהנגעטהון דעם פּאַלטען אין ער האָט זיך געזעגענט אין איז אַוועק געגאַנגען זאָגענדיג אַגוטע וואָך אין דער הייליגער בעהאַלטענער צדיק האָט איהם געענטפערט אַגוט יאָהר אייך. אין דער יונגערמאַן האָט ווידער געזאָגט אַנערנסטען אמן אין ער איז זיך אַוועק געגאַנגען זיין וועג. צוריק גייענדיג האָט ער זיך אָהנגעהויבען איבער צו רעכינען דיא אַלע זאַכען וועלכע ער האָט בייא דעם בעהאַלטענעם צדיק געזעהן. האָט ער זיך דערמאַנט דאָס ער האָט דאָרט געזעהן אַרום דרייען איונגען מאַן זייער אַ שיינעם ער איז געגאַנגען אַזיידענע קאַפּאָטע אין זיין פנים האָט זייער געשטראַהלט אין ער האָט זיך דאָרט אַרום געדרייט פאָן איין חדר אין צווייטען וויא אַ היימישער מענטש, ער האָט פערשטאַנען אַז דאָס מיז זיין איינער פון דיא גרעסטע צדיקים וועלכע זייא האָבען זכיי׳ צו זיין בייא דיא ל״ו צדיקים, אין דרובער איז ער זייער געהרען געוועזען צו ויסען ווער דער יונגערמאַן איז, אַ היים קומענדיג האָט ער פינקט געטראָפען דעם הייליגען רבין ר׳ לייב שרה׳ס אין זיין שטאָט האָט איהם דער רבי געזאָגט זאָלסט וויסען מיין קינד דאָס דער מגושמידיגער שניידער וועלכען דיא האָסט געזעהן אין באַרדיטשוב איז איינער פון דיא וואָס דיא וועלט שטייט אין זייער זכות, האָט דער יונגערמאַן איהם געפרעגט ווער עס איז געוועזען דער יונגערמאַן וועלכער האָט זיך דאָרטען ארום געדרייט אין דער צווייטער שטיב, האָט איהם דער רבי ר׳ לייב געענטפערט דאָס איז מאָטעלי דעם

הייליגען

הייליגען מוכיח אין הקדוש ר׳ נחום טשערנאָבעלער׳ס א זאָהן:
**דערנאָך** איז פערבייא בעגאַנגען אַלאַנגע צייט אין דער רבי ר׳ לייב שרה׳ס איז שוין געהאַט נפטר געוואָהרען אין דער הייליגער מוכיח דער רבי ר׳ נחום טשערנאָבלער איז שוין אויך געהאַט נפטר געוואָהרען האָט דער הייליגער רבי ר׳ מאָטעלע אָהנגעהויבען צו פיהרען אין וויא דער יונגערמאַן וואָס האָט דעם רבין ר׳ מאָטעלע געזעהן דאַמאָלסט אין באַרדיטשוב ביי דעם בעהאַלטענען צדיק אַרום דרייען האָט דערוויסט זיך פון דיא גרויסע ווינדערליכע זאַכען וואָס דער הייליגער רבי ר׳ מאָטעלע טוהט. האָט ער בעשלאָסען ער זאָל אויך צו איהם פאָהרען, אין וויא ער איז געקומען קיין טשערנאָבעל אין ער איז אַריין בעגאַנגען צו דעם רבין ר׳ מאָטעלע האָט ער איהם תיכף דערקענט אַז דאָס איז דער אייגענער יונגערמאַן וועלכען ער האָט דאָרט געזעהען. איז ער אַנידער געפאַלען הלשות אין מען האָט איהם קאָהם דערמינטערט דיא מענטשען האָבען איהם גיפרעגט וואָס עס איז געוועזען דיא סיבה פון זיין חלעשען אַריין קימענדיג צום רבין האָט דער מענטש זייא דערציילט דיא גאַנצע מעשה וויא דער רבי ר׳ לייב שרה׳ס זכרונו לברכה האָט איהם איינמאָהל געשיקט קיין בערדיטשוב ער זאָל דאָרט זעהן אבעהאַלטענעם צדיק איינער פון דיא ל״ו צדיקים וואָס דיא וועלט שטייט אין זייער זכות אין ער האָט דאַמאָלסט דאָרט בייא דעם צדיק געטראָפען דעם רבין ר׳ מאָטעלע וואָס ער איז דאַמאָלסט נאָך גאָהר יונג געוועזען אין ער האָט זיך דאָרט אַרום געדרייט וויא א היימישער גאַסט:

**דערנאָך** איז ער נאָך אמאָהל אַריין געגאַנגען צום רבין ר׳ מאָטעלע האָט איהם דער רבי איבער גיפרעגט פערוואָס ביסטו פערחלישט געוואָהרען דיא קענסט דאָך מיך שוין פון לאַנג. יעצט זאָג זשע מיר וואָס האָט דיר דער רבי ר׳ לייב שרה׳ס זכרונו לברכה געזאָגט אויף מיר האָט ער איהם גיענטפערט ער האָט מיר געזאָגט אַז דער יונגער מאַן וועלכער האָט זיך דאָרטען אַרום געדרייט איז רבי מרדכי דער זאָהן פון דעם הייליגען מוכיח דער רבי ר׳ נחום טשערנאָבעלער. האָט דער רבי ר׳ מאָטעלע געזאָגט דיא זאָגסט ליגענט דער רבי האָט מיך דערמאָנט אָהן רב נאָהר מיט דעם נאָמען בלויז אין דער אמת איז טאַקע אַזוי געוועזען וויל דער רבי ר׳ לייב זכרונו לברכה איז שוין דאַמאָלסט געוועזען א זקן מופלג אין דער רבי ר׳ מאָטעלע זכרונו לברכה איז נאָך דאַמאָלס געוועזען גאָהר א יונגער מאַן הערשט נאָהר וואָס נאָך דער חתונה

אין

אין ער האט גיגעסען קעסט ביא זיין פאטער דער היילינגער ר' נחום טשערנאבלער זכרונו לברכה נאהר וויל דער רבי ר' מאטעלע איז שוין יעצט געוועזען א רב בישראל האט דער מענטש משנה געוועזען. אזוי גרויס איז ער געוועזען נאך יונגערהייט זיין זכות אין דער זכות פון אלע צדיקים זאל אונז ביי שטיין מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט אלצם גוטין אין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה בקרוב בימינו אמן:

---

## וויא דער רבי ר' נחום איז אויפגענומען געווארען פאר א מגיד אין טשערנאבעל:

דער רבי ר' נחום איז געוועזען אטאלאנטפילער רעדנער אין ער האט צוא געצויגען זיינע פיהל צוא הערער מיט זיין זיסע שטימע אין ערנסטע ווערטער וועלכע אפילו אהן קיין שום פירוש האבען זייא אויך געמאכט דעם געהריגען איינדרוק. מעהר סטענטייל האט ער זיין דאזינען טאלאנט בענוצט אויף צוא פער שפרייטען אין פאפילאריזירען דיא תורות פין זיין רבי'ן דער היילינגער בעש"ט זכרונו לברכה. אין ווי זיין גיטער נאמען איז בעוויסט געווארען אויף דער וועלט האט זיין שטאדט טשערנאבעל פער שטאנגען דאס עס איז דיא צייט זיך מקדים צוא זיין אין אויף נעמען דעם גרויסען גאון אין צדיק דעם רבי'ן ר' נחום אויף דער וואקאנטער רבנות שטעלע אין זייער שטאדט וויל עס קען געשעהן דאס אגרעסערע שטאדט זאל איהם אויך ווען אויפנעמען. זיי האבען דעם רבי'ן ר' נחום געגעבען א כתב רבנות. אין האבען איהם אויף גענומען מיט גרויס כבוד וועלכעס עס איז אין יענער צייט אפילו וואס דיא תורה איז חשוב געוועזען נישט קיין שום רב געטהון געווארען. חסידים האבען דערציילט אז דער רבי ר' ברוכעל דעם היילינגען בע"ש טובס אנאייניקעל האט געהערט דאס מען האט דעם רבי'ן ר' נחומען אזוי פיהל כבוד אהנגעטהון. האט ער געזאגט אין ווערטיל. די היילינגער חכמים זכרונם לברכה האבען געזאגט אם לעוברי רצונו כך לעושי רצונו על אחת כמה וכמה. דאס הייסט אויב דיא וועלכע טיהן פערקערט וויא דער רצון פין השי"ת איז. גייט זייא אזוי גיט בפרט נאך

דיא

דיא וועלכע טהען דעם רצון פון בורא יתברך דארף דאך אוודאי גיט זיין. קען מען זאגען בייא דעם רב ר' נחומען אויף דעם אופן. עס איז דאך בעוויסט דאס דער רצון פון השי"ת איז דאס דיא צדיקים זאלען האבען גרויס כבוד. אין דער רבי ר' נחום אנטלויפט פון כבוד ער וויל נישט מען זאל איהם אהנטהון קיין כבוד קומט דאך אויס ער איז עובר אויף דעם רצון פון בורא יתברך פון דעסט וועגען האט איהם השי"ת צוא געשיקט אזוי א גרויסען כבוד. בפרט דיא צדיקים וועלכע זענען זיך נישט אזוי פיהל מרחק פון כבוד דארט וויא זייא זעהן אז עס וועט זייא חלילה נישט קיין שאדען ברענגען אין עבודת השי"ת אין זייא וועלען חלילה נישט ארויין קומען אין קיין גיאות אריין דארף דאך אוודאי השי"ת צושיקען גרויס כבוד. וויל זייא זענען דאך משלים זיין רצון וואס ער האט געוואלט דאס דיא צדיקים זאלען זיין מכובד אויף דער וועלט:

אבער דער רבי ר' נחום האט זיך געלאזט רופען מיט דעם נאמען רבי אדער רב נאהר אזוי וויא אלע דאמאלסדיגע חסידישע מנהיגים האבען זיך גערופען מגיד. אין ער פלעגט אלע שבת דרשענען פון דער סדרה אין ברייט ערקלערען דאס דיא פרשה וואס מען האט געלערנט איז נישט בלויז אגעוועזענע זאך נאהר אז דיא תורה איז אנאייביגע אין דער וואס וויל זיך אין איהר פערטיעפען קען אויף היינט אלעס געפינען אין דער תורה א עצה אדער א ישועה אין ארפואה וויל השי"ת פיהרט דיא וועלט נאהר דורך דער הייליגער תורה אין וויא אזוי דער מענטש פאעט אויף דיא געבאטען פון דער תורה אזוי פיהרט זיך מיט איהם השי"ת און אין ימים טובים פלעגט ער צו זאגען אדרוש אין טריפות אזוי וויא עס פאסט פאר אזוי א גאון. אין פלעגט אזוי צוא פערטיפען זיך אין דרוש ביז ער איז צוא געקומען צוא אין אגדתא וועלכע שמיסט פון דעם יום טוב אדער אמדרש אין דאמאלסט פלעגט ער דיא שטעלע צוא בעלייכטען לויט דעם דרך החסידות וועלכען ער האט מקבל געוועזען פון זיין רביין דעם הייליגען בעש"ט אין זיין נאכפאלגער דער רבי ר' בער זכרונם לברכה. אין דאס אלעס האט ער בערעדט מיט אזוי אזיסעקייט דאס אלע זענען געשטאנען וויא צוא בעשמידט צוא דיא ערטער אין ווען ער זאל אפילו געוועזען א גאנצען מעת לעת דורך אנאנד דרשענען וואלט קיינעם נישט געוועזען אויך בעפאלען קיין עסען אדער אנדערע בעדערפענישען וויל מען פלעגט צוא

שבירען

שפירען אַזוֹי אַגײַסטליכען פערגעניגען פין זײַנע דרשות דאָס מען האָט
אין אַלעמען פערגעסען. אין דאַמאָלסט ווען עס איז געוועזען
אויסוועהנדיגקײַט פלעגט ער אויך אין דער וואָכען צוא ניף רופען דעם
עולם אין זאָגען א דרוש מעורר צוא זײַן צוא דער זאַך וועלכע איז
נויטיג געוועזען. אין נישט בלויז פראָסטע מענטשען פלעגען קומען
הערען זײַנע דרשות נאָהר אויך אַלע גרויסע לומדים זענען געקומען צו
זײַנע דרשות. אַזוֹי וויא ער האָט אַמאָהל געזאָגט אין דער דרשה
איך שטעה דאָך צווישען אַ געוֹלם חסידים אין בעלי בתים. לומדים
מופלגי תורה אין אויף אלע שיכטען האָט ער געהאַט אַגרויסער געוועהנליכע
השפעה אין נישט בלויז האָט זיך דער רבי ר׳ נחום בעגינוגין געלאָזט
ער זאָל פערשפרײַטען דיא תורה פין זײַנע הײַליגע רבי׳ס אין זײַן
שטאָדט טשערנאָבעל נאָהר אויך אויף דער ברײַטער וועלט פלעגט ער ארום
צוא פאָהרען אין דרשענען לויט דיא שיטת החסידות אין פערשפרײַטען
גאָהר ליכט איבעראַל. אין עס איז בײַא איהם דיא זאַך געוועזען
אַהײַליגע פליכט. צוא ציא צוהען דיא גרויסע ליטווישע לומדים
וועלכע האָבען פאַר זײַן גאונות גרויס רעספעקט געהאַט צוא דעם דרך
החסידות. און אין פיהל ערטער איז איהם דיא זאַך זייער ערפאָלגרייך
געלונגען אין דרויבער אַז ער איז אײַנמאָהל געוועזען אין מעזיבוז.
אין דער רבי ר׳ ברוך דעם הײַליגען בעש״ט אַ אײַניקעל איז
נישט געקומען צוא זײַן דרשה האָט ער זיך אויף איהם שטארק
געבײַזערט. אין ער האָט איהם דרויף פאָהר געהאַלטען, זעהט אויס ער
האָט געוואָלט פערווירקליכען וואָס שנעלער זײַן הײַליגען רבי׳ן דעם
בעש״ט ווערטער וואָס ער האָט געשריבען צוא זײַן שוואָגער דער
גרויסער גאון אין מקובל ר׳ גרשון קיטובער אַז משיח האָט איהם געזאָגט
דאָס דאַמאָלסט ווען עס וועט אויף דער וועלט פער שפרייט ווערען זײַן
דרך החסידות וועט ער קומען אין דרויבער האָט ער שטאַרק געאַרבייט
אין פערשפרײַטען דעם דרך החסידות וואָס זײַן רבי דער הײַליגער
בעש״ט האָט מחדש געוועזען, אויך פלעגט ער אין פיהל שטעט זאָגען
דברי הלכה אין אויפמערקזאַם מאַכען דעם עולם אויף דיא זאַכען
וועלכע זײַא זענען בעגאַנגען פעהלערס אומבאמערקטערהײַט אין נישט
בלויז דעם פראָסטען עולם יאָהר אויף דעם גרעסטען לומד, פליגט ער
פיהל מאָהל אויפמערקזאַם מאַכען אויף אַזעלכע זאַכען וועלכע זײַנען
איהם קיין מאָהל נישט אײַנגעפאַלען אין דורך זײַנע הײַליגע דברי

הקודש

תוכחה האָט ער זיך אומגעקוקט וויא ער איז אין דער וועלט אין ער האָט דרויף חוזר בתשובה געוועזען, אזוי זאָלען מיר זוכה זיין צוא טוהן תשובה שלימה מיט דעם גאַנצען הארץ. אין מיר זאָלען זוכה זיין צוא איבזער ביאת הגואל במהרה בימינו אָמן:

---

## נאָך אַ ווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם גרויסען מוכיח דער הייליגער רבי ר׳ נחום טשערנאָבעלער זכרונו לברכה.

עס איז בעוויסט דאָס דער הייליגער רבי ר׳ נחום טשערנאָבעלער זכרונו לברכה פלעגט פיהל יאָהרען ארום פאָהרען אין פערשידענע שטעט זאָגען תוכחה אין מוסערען דעם עולם אין ער איז זייער בעליבט געוועזען בייא אלע מענטשען ווייל יעדער האָט פין זיין תוכחה בעקומען א הירהור תשובה אזוי וויא אונזערע הייליגע חכמים זאָגען דברים היוצאים מן הלב דאָס הייסט ווערטער וועלכע גייען ארויס פון אנעהרענסט הארץ. נכנסים ללב. דאָס הייסט זייא ווירקען אויף דעם צוהערער אין דרובער אין וועלכער שטאָט ער פלעגט צו קימען פלעגט זיך צו פערזאַמלען. א גרויסער עולם כמעט דיא גאַנצע שטאָטלייט מענער אין פרויען פלעגען צו קימען הערען זיינע דרשות אין תוכחות. איינמאָהל איז ער געקומען אין א שטעטעל אריין אין ער האָט געהייסען דעם שוהל שמש אויסרופען דאָס עהר וועט זאָגען שבת נאָך דעם שלאָף דברי תוכחה אין ער בעט דאָס דער גאַנצער עולם זאָל קומען עס זאָל איינער נישט פעהלען דער שמש האָט אזוי אויס געשריען זעלבסט פערשטענדלעך דאָס דיא גאַנצע שטאָדט איז זיך צו זאַמען געקומען אין שוהל אריין אין עס איז כמעט נישט געוועזען קיין אָרט שוין וויא זיך אריין צו פאַקען ווייל יעדערער האָט געוואָלט צוליעב טוהן דעם הייליגען מוכיח וואָס ער איז אזוי בייא אלעמן בעליבט געוועזען. אין דער הייליגער מוכיח אריוף בעגאַנגען אויפן בעלעמר אָבער וויא פערווינדערט איז דער עולם געוואָרען זעהענדיג דאָס דער מוכיח קיקט זיך אום אין אלע זייטען פון שוהל גלייך וויא ער וואָלט עמיצען געזוכט זיי האָבען דאָס גאָהר נישט פערשטאַנען הועמען קען ער דאָ זיכען אין ווייל זיי האָבען געקענט

דעם הייליגען מוכיח פאר א גרויסען צדיק האבען זייא פערשטאנען אז מסתמא איז דאס אומזאנסט דען דער מוכיח פלעגט דאך צו קימען אלע יאהר אין עס איז עם גאהר קיין אונטערשייד געוועזין צו עס וועט קימען א גרויסער עולם צו א קלייבער נאהר אזוי וויא עס איז זיך צוזאמען געקומען אביסעל מענטשען פלעגט ער שוין אהנהייבען צו זאגען אין היינט האט ער געהייסען צונויף רופען דיא גאנצע שטאטלייט אין עס איז עס איז שוין נישטא קיין ארט וויא אמענטש זאל ארייון אין לסוף זאגט ער גאהר נישט קיקט זיך ארום גלייך וויא ער וואלט עמיצען געזוכט. דרובער זענען אלע מענטשען געווארען זייער אויפריכטיג אכטונג צו געבען אויף יעדען מענטש וואס ער וועט יעצט צו קומען אין שוהל אריין אין טייל פלעגען דעם מענטש בעגעגענען מיט אפאהרווירף בליק וואס צוליעב איהם דארפען זיי אלע שטיין אין ענגשאפט אין ווארטען: אבער נאך גרעסער איז זייער פערווינדערונג געווארען זעהענדיג אז דאס ביסעל צו געקומענע מענטשען האט אויך נישט געווירקט אויף דעם מוכיח דאס ער זאל אהנהייבען צו זאגען זייא זענען שוין אזוי איינגעדילדיג געוועזען דאס טייל מענטשען האבען שוין געוואלט פערלאזען דיא שוהל נאהר ווייל עס איז שוין געוועזען נאהנט די צייט פון מנחה דאווינען האבען זייא שוין בעשלאסען צו ווארטען אויף מנחה אבער פון דער דרשה האבען זייא זיך שוין געהאט מייאש געוועזען אבער פלוצלונג אומגערעכט האט זיך דערהערט דעם הייליגען מוכיח'ס שטימע זאגענדיג דיא משנה אין פרקי אבות רבי לוויטס איש יבנה אומר. דאס הייסט רבי לוויטס דער האר פון דער שטאט יבנה אז ער פלעגט צו מוסערען דעם עולם פלעגט ער אזוי צו זאגען. מאוד מאוד הווי שפל רוח בפני כל אדם. דאס הייסט דיא זאלסט זייער אין זייער דיך האלטען נידריג פאר יעדען מענטש. שתקות אנוש רימה: דאס הייסט ווייל דער האפענונג פון דעם מענטש קען קיין איין מאהל נישט בעפרידיגט ווערען אויסער דעם איינעם ווינטש וועלכען ער האט צו בעזארגען דיא ווערים. אין אזוי האט דער הייליגער מוכיח איבער געחזערט דיא משנה פיהל מאהל אין ער האט נישט געזאגט קיין שום חידוש אויף דער משנה נאהר יעדען מאהל ווען ער איז צו געקומען צו דיא ווערטער מאד זייער זייער אין זייער האט ער הויך געשריגען דיא צווייא ווערטער מאד. מאד. אין זייא איבער געזאגט איינציגע מאהל אהן שום בעמערקונג דער ווייל אין געוואהרען שפעט מען האט שוין געדארפען דאווינען

מנחה

מנחה איז דער היילגער מוכיח אראָב געגאַנגען פון בעלעמער. דער עולם איז זייער אויפגערעגט געוואָהרען וואָס דער מוכיח האָט לויט זייער פערשטאַנד זיך נישט וויא געהעריג אויפגעפיהרט דאָס מאָהל ער האָט אייליך געראָפען דיא גאַנצע שטאָט לייט מסתמא האָט ער דאָך עפּיס ביידיגעס געהאַט צו זאָגען אין דאָה האָט ער פאַר זייא געזאָגט אַפּשוטע משנה פון פרקי אבות וואָס יעדען יוד איז זיא בעקאַנט האָט ער אנדערשט פערגעסען דעם דרוש און דערוביער האָט ער פיהל מאָהל איבער געחזרט דיא משנה וואָס איז זשע דען געוועזען זיין אַרום קיקען זיך בלייך וויא ער וואָלט עמיצען געזיכט אויף וועמען האָט ער דען געוואַרט ער זאָל איהם דערמאַנען דעם דרוש וועלכען ער האָט אַליין פערגעסען אזוי האָבען פיהל מענטשען צווישען זיך געשמיסט מיט גרויס פערדראָס:

אָבער דיא סיבה. פון זייער פערדראָס איז געוועזען זייער גרויסער אונגעדולד דורך וועלכען זייא האָבען דער וויל פערגעסען צוא בעטראַכטען דיא אַלע צוא געקומענע מענטשען וויל ווען זייא וואָלטען גיט געוועזען אַכטונג געבען דרויף וואָלטען זייא געוועזען בעמערקט אנייעם גאַסט אין שוהל אין תיכף וויא ער איז אַריין געקומען אין שוהל אַריין האָט דער מוכיח אָהנגעהויבען צוא זאָגען דיא משנה אין דיא בלויזע משנה האָט אויף דעם מענטש געמאַכט דעם געהעריגען איינדריק:

דיא געשיכטע דערפון איז אזוי געוועזען אין דער שטאָדט איז געוועזען איונגערמאַן זייער א גרויסער מאַן אין אלע איינזיכטען אַגרויסער גביר אין אגרויסער יחסן אין אַגרויסער למדן אין ער האָט זיך אויף געפיהרט בדרך הישר וויא אויף זיין פאָטער אין זיין שווער זענען געוועזען גרויסע גבירים אין גרויסע לומדים. אין מיוחסים אין ערליבע לייט דאָס גאַנצע געגענט האָט זיך מיט זייא געלויבט וויל זייא זענען געוועזען גיט צוא השי״ת אין צוא לייט. באָהר דער יונגערמאַן האָט געהאַט א שטיקעל חסרון דאָס ער איז געוועזען אויף זיך א מבין אָק דרוביער איז ער אריינגעפאַלען אין גרויס גיאות ר״ל וואָס דאָס איז איינס פון דיא שרעקליכסטע עבירות אין ער האָט זיך איינגערעדט דאָס עס איז נישט פערהאַנדען אין דער גאַנצער וועלט זיינס גלייכען אזוי א גביר אין א יחסן אין אַלמדן אין זאָל זיך אויפפיהרען בדרך הישר ווי ער, אין דרוביער אז עס פלעגט צוא קימען א דרשן אָדער אַ מוכיח אין

שטאָדט

שטאָדט אַריין האָט עֶר געֶמעגט זיין דער גרעֶסטעֶר למדן אין דעֶר גרעֶסטער צדיק וועֶלכעֶר איז בעֶוויסט אין דער גאַנצער וועלט איז ער נישט געֶגאַנגען הערען זיין דרשה וויל ער האָט זיך געטראַכט וואָס קעֶן מיר דען דעֶר דרשן אויפטהון איך בין דאָך ב״ה בקי אין גאַנץ ש״ס און אין אַלעֶ ספרים הקדושים וואָס זשעֶ קעֶן מיר דער דרשן מיין זאָגען. אָבעֶר דיא וועֶלט זאָגט דאָך פין נישט גיין האָט מעֶן קיין חרטה נישט דרובער האָט עֶר קיינמאָהל אויף דער גרויסעֶר עבירה פין גיאות ר״ל קיין חרטה נישט געהאַט:

און דאָה איז עֶפּיס געֶשעֶהן אַנייעס אַגרויס ווינדער נעֶמליך. דעֶם שבת איז איהם געקומען אויף דעם געדאַנק עֶר זאָל גיין אין שוהל אַריין הערען דיא דברי תוכחה פין דעם היליגען מוכיח רבי נחום טשעֶרנאָבעלעֶר עֶר האָט זיך זייער שטאַרק פערווינדערט פין וואַנעֶן קימט צוא איהם אַזוי אַ געדאַנק עֶר זאָל גיין הערען דברי תוכחה נאָהר וואָס פיהרט ער זיך דעֶן ח״ו נישט בדרך הישר האָט דען איין מענטש פין דיא פיהל מעֶנטשען וועלכע האַנדלען מיט איהם אָדער זעגען ביא איהם אָהנגעשטעֶלט אין דיא פערשידעֶנע געשעפטעֶן עֶפּיס צוא איהם אַפּראַטעֶנציע. אין בפרט בין אדם למקום. איז ער דאָך אַוודאי אַ צדיק גמור וויא געֶפינט זיך אַזוי אַ גביר ער זאָל זיצען יומם ולילה אין לעֶרנעֶן אין דעֶר גאַנצעֶר וועֶלט אין דרובער האָט עֶר זיך דעֶם געֶדאַנק אַרויס געשלאָגעֶן פין קאָפּ אַרויס. ער האָט פין זיך גאָהר נישט געקעֶנט פעֶרטרייבען דעֶם חשק צו גיין אין שיהל אַריין הערעֶן דברי תוכחה אין ער האָט נישט געוויסט וואָס דיא סיבה דער פין קען זיין וויל ווען עס זאָל האָטש קימען אַנייעֶר דרשן אַ גרויסער גאון וואָלט ער נאָך געקעֶנט פעֶרשטיין וואָס עֶס גליסט זיך איהם זהיינט צו גיין הערעֶן דיא דרשה מעהר ווי אַלעֶ מאָהל אָבעֶר דער היליגעֶר מוכיח רב נחום טשעֶרנאָבעלער איז דאָך נישט קיין נייעֶר דרשן אין עֶר זאָגט נאָהר דברי תוכחה וואָס אַגעוועהנליכעֶר מעֶנטש דאַרף דרונעֶן בזהר זיין אין ער קימט אַלעֶ יאָהר צוא זייא אין שטאָדט אַריין אין קיינמאָהל צוט עֶס איהם נישט ער זאָל גיין הערעֶן זיינע דברי תוכחה וויל ער ווייסט דאָס דאָך אַליין אין ער האָט שוין געלערעֶנט דיא אַלעֶ ספרי מוסר וואָס דער מוכיח זאָגט פין זייא זיינעֶ דברי תוכחה. אַלזא האָט עֶר זיך איבעֶר געֶרעכעֶנט דאָס ער דאַרף זיך אַנידער זעֶצעֶן אין מאַכעֶן אַ חשבון הנפש וויל טאָמעֶר איז ער טאַקעֶ בעגאַנגען אַ פאַברעֶך אומבאַמערקטעהייט אין דרובער האָט מעֶן איהם

פון

פון הימעל ארײנגעשיקט א מײנונג הײנט צוא גיין הערען דעם הײליגען מוכיח׳ס דברי תוכחה כדי ער זאל דערמאנען זיך אין דער זאך. ער האט זיך אנידער געזעצט אין איבער געטראכט זיינע אלע מעשים בין אדם לחבירו צי ער האט נישט עמיצען ח״ו קיין עולה געטהון אבער ער האט נישט געפינען. דער נאך האט ער זיך אהנגעהויבען צו בערעכענען בין אדם למקום צו ער האט נישט עפיס פוגם געוועזען אבער אויך דאה האט ער קיין שום חטא נישט געפונען אין זיך וועלכען ער זאל דארפען דרויף תשובה טהון אין מקבל תוכחה זיין פון דעם הײליגען מוכיח ווייל דיא עבירה פון גאות איז ער דאך געוועזען אײנגעוואהנט האט ער דאס גאהר נישט בעמערקט אזוי ווי אונזערע הײליגע חכמים זאגען אין מסכת קידושין כיון שעבר אדם עבירה. דאס הייסט אז א מענטש טהוט ח״ו איין עבירה. ושנה בה. אין ער חזר׳ט זיא איבער ער טהוט זיא נאך אמאהל. נעשית לו כהיתר דאמאלס פערבלענדט איהם שוין דער יצה״ר דיא אויגען דאס עס זעהט בייא איהם אויס וויא ער טהוט שוין גאהר קיין עבירה נישט השם ישמרינו:

אין בפרט נאך יעצט אז ער האט זיך אנידער געזעצט מאכען א חשבון הנפש אין ער האט טאקע באמת קיין שום עבירה נישט געהאט נאהר וואס ער איז געוועזען א בעל גאוה האט דער יצה״ר אוודאי געארבייט מיט אלע כוחות דאס ער זאל גאהר אין גאנצען פערגעסען אז עס איז דאה א מדה רעה גיאות אויף דער וועלט פארקערט גאהר ער האט עם געמאכט אנאנדערען חשבון דאס עס איז אין דער גאנצער וועלט נישט פערהאנדען זיין גלייכען איז אײנער א גרויסער גביר קען ער נישט לערנען קען אפילו איינער א גביר לערנען לערינט ער נישט אפילו איינער קען לערנען אין לערענט בעגייט ער זיך נישט גיט מיט מענטשען איז איינער צו מענטשען אויך גיט איז ער נישט קיין שיינער בעל תפילה איז אײנער אויך א שיינער בעל תפילה זענען זיינע עלטערען נישט קיין מיוחסים. אדער זיין פרוי איז נישט קיין מיוחסת אדער ער האט ר״ל נישט קיין קינדער אדער אנדערע מעלות פעהלען איהם אין דאה ביי איהם זענען דאך באמת דאה אלע גיטע מעלות וועלכע געפינען זיך נאהר אויף דער וועלט אין אמענטש אין וויא אזוי וועט ער זיך גיין מבזה זיין צו גיין גלייך מיט אלע גיוועהנליכע מענטשען הערען דברי תוכחה. דרובער איז ביי איהם געבליבען דאס ער זאל נישט קיקען אויף דעם חשק וואס ער האט יעצט בעקומען צו גיין הערען דברי תוכחה

ווייל

ווייל אזוי א גרויסער תלמיד חכם און בעל מעלה טאָהר זיך נישט דערנידעריגען דאָס קען נאָך הייסען א בזיון פאר דעם כבוד התורה אזוי האָט א הם דער יצה״ר איינגערעט:

עס האָט זיך אָבער אין איהם צופלאַקערט א העפטיגער קאמפף צווישען דעם רצון צוא גיין הערען דעם הייליגען מוכיח׳ס דברי תוכחה און צווישען זיין זעלע דאָס עס איז פאר איהם א פחיתות הכבוד צוא גיין גלייך מיט אלע מענטשען אין שוהל אריין צוא א מוכיח, און יעדען צד איז געשטיצט געוואָהרען פון א צווייטע זייט דער יצר טוב האָט אינטער געשטיצט זיין פערלאַנג צוא גיין הערען פון דעם הייליגען מוכיח דברי תוכחה און דער יצה״ר האָט אינטער געשטיצט זיין זעלבסט ווירדע דאָס ער טאָהר זיך נישט אזוי ערנידריגען. און וויא ער האָט איינגעזעהן דאָס ער קען זיך נישט בערוהיגען האָט ער זיך בעלאָזט ארויס גיין אביסעל אין גאס אריין ער זאָל זיך אב סעל ארויס טרייבען דיא ווינדערליכע געדאַנקען פון קאָפּ ארויס אָבער דאָה איז ווידער געשעהן א ווינדער דאָס גייענדיג אזוי טיעף פערטראַכט האָט ער גאָהר נישט בעמערקט דאָס ער גייט גלייך צוא דער שוהל און אז ער האָט זיך אומגעקוקט דאָס ער שטייט לעבען דער שוהל האָט זיך אויף א נאמען אָהנגעהויבען דער ריכטיגער קאמפף צווישען דיא נייגונגען אין מינים האָט ער זיך בעשלאָסען שנעל צוריק צוא גיין מאָמער דער זעהט איהם וועלכער מענטש וועט ער זאָגען דאָס ער איז געקומען הערען דברי תוכחה און אין א מינים שפּעטער האָט איהם אָהנגענומען אגרויסער חשק אריין צוא גיין אין שוהל אריין:

ענדליך האָט איהם גובר געוועזען דאָס לעצטע און ער איז אריין געגאַנגען אין שוהל אריין אָבער דאָה איז פאָהרגעקימען דאָס ווינדערליכע רעטעניש וואָס אויסער דעם גביר און דער הייליגער מוכיח דער רבי ר׳ נחומעל טשערנאָבעלער האָט קיינער נישט געוויסט. געמליך דער מוכיח האָט אָהנגעהויבען צוא זאָגען דיא משנה ר׳ לוויטס איש יבנה אומר מאד מאד הווי שפל רוח בפני כל אדם און ער האָט זיא פיהל מאָהל איבער געחזר׳ט אזוי וויא מיר האָבען שוין אויבען געשריבען אָהן אשום פירוש וואָס דאָס האָט ארויס גערופען גרויס פער ווינדערונג צווישען דעם גרויסען עולם. אָבער דער גביר האָט שוין געוויסט דעם חידוש וואָס דער הייליגער מוכיח האָט אויף בעטהון פשוט פר האָט איהם דער מאנט אז עס איז פער

פער האנדען א מדה רעה׳ גיאות וואס דיא הייליגע חכמים זכרונם לברכה אין אלע ספרים הקדושים זענען פיהל מיט דעם וויא וויים דער מענטש דארף זיך צו היטען ער זאל חלילה נישט אריינפאלען אין קיין גיאות אין פון דעם אלעם האט ער גאהר פארגעסען בשעת דעם חשבון זיינעם:

אבער יעצט האט ער זיך אנגעהויבען צו בערעכענען וויא ער האלט מיט דער מדה האט ער אנגעהויבען צו ציטערען וויל ער איז טאקע באמת געוועזען א גרויסער ירא שמים אין א גרויסער למדן האט ער דאך געוויסט וויא הארב דיא עבירה פון גיאות איז נאהר דער יצה״ר האט איהם ביז יעצט פערבלענדט דיא אויגען אין ער האט גאהר נישט בעמערקט דאס ער איז אזוי צו געלאפען צו דעם הייליגען מוכיח דעם רבין ר׳ נחום טשערנאבעלער אין ער האט איהם גיבעטען ער זאל איהם ארויס געבען א תשובה וואס ער איז ביז היינט גיוועזען א גרויסער בעל גאוה אין ער האט דערציילט דעם רבין ר׳ נחומ׳ען וויא ער האט זיך געפיהרט ביז היינט אין פערוואס ער איז היינט יאהר געקומען צו דער דרשה אין וויא עס איז איהם היינט אנגעקומען א גרויסער חשק צו גיין הערען דברי תורה דאס ער האט בשום אופן נישט געקענט בעהערשען ביז ער איז ארויס געגאנגען אין גאס אריין אין דאה איז ער צופעליג דורך זיין ארום דרייען זיך שטארק פארטראכט צו געקומען צו דער שוהל אין דער חשק צו הערען דעם הייליגען מוכיח׳ס דברי תוכחה האט גובר גיוועזען אין ער איז אריין געגאנגען און שוהל אריין, אין דאמאלסט האט פונקט דער רבי ר׳ נחומעל אהנגעהויבען דיא משנה ר׳ לוויטס איש יבנה אומר מאוד מאוד הוי שפל אין ער האט זיך דערמאנט דאס באמת דארף דאך דער מענטש זיך האלטען נידריג פאר וואס דען האלט ער זיך גרויס. און אזוי זענען דיא ווערטער אריין געגאנגען אין זיין הארץ אריין אז ווען דער הייליגער מוכיח האט איבער געחזרט דיא משנה דאס מאהל האט ער אין זיך געפיהלט וויא מען וואלט איהם אדורך געבויערט מיט דיא ווערטער אין זיין שטאלץ איז אבגעפאלען אין אזוי אלע מאהל זענען דיא ווערטער טיעפער אריין געגאנגען אין זיין הארץ אריין ביז עהר איז געווארען א נאמתדיגער עניו. דאמאלסט האט הערשט דער עולם פערשטאנען דער גרויסען כח פון דעם הייליגען מוכיח דאס אפילו אויף אזוי א גרויסען מענטש האבען זייא געהאט אזוי א גרויס ווירקונג. אין איין פשוטע משנה וואס איז ארויס געגאנגען פון זיין הייליג מויל האט

דעם

פענטש מחויר למוטב געוועזען אין דרובער האָט ער געוואָרט אויף דעם גביר מיט דער דרשה. אין דער גביר פלעגט אויף דער עלטער צו דערציילען דאס פון דאמאָלסט אָהן קליגגען דעם מוכיח׳ס ווערטער מאוד מאוד הוי שפל רוח בפני כל אדם אין זיינע אוירען, דער זכות פון דעם היליגען מוכיח דער רבי ר׳ נחום טשערנאָבעלער זכרונו לברכה אין אלע צדיקים זאָל אונז ביא שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אלעם גיטען אין מיר זאַלעף זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אָמן:

אין נישט בלויז צו מוסערען אין אויפצוקלערען אַ יחיד איז ער אויסען געוועזען מיט זיין אַרומפאָהרען נאָהר אויך צו פערשטאַרקען דאָס יודישקייט אין דיא שטעדטליך וועלכע זייא זענען זייער געוועזען פערגרעבט אין האָבען ווייניג געוויסט פון יודישקייט אין האָבען זיך נישט אויפגענומען קיין רב ווייל דאָס איז געוועזען פערבינדען מיט גרויסע הוצאות נאָהר וועלכער שטאָט תקיף האָט זיך גענומען אַנאיידעם וואָס ער האָט געקענט לערנען. אין וויא פיהל לערנען דאָס איז שוין קיין אונטערשייד נישט געוועזען. האָט זיין גאַנץ לערנען געמעגט בעשטיין פון וויסען וויא אַזוי צו קיקען אין לוח אין וויסען ווען דער מולד וועט זיין אין זעהן וועלכען טאָג דיא תקופה געפאַלט איז ער שוין אַ גאַנצער למדן געוועזען אין וויא אַזוי אַזעלכער האָט שאלות געפסק׳נט קען מען זיך שוין זעלבסט פאָהרשטעלען, עס איז איינמאָהל פאָהר געקומען אַזוי אַנאיגצידענט איינער פון דיא קליין שטעטעלדיגע לומדים אָדער וויא מען האָט זיי דאַמאָלסט גערופען דעם דאָזערס איידעם איז געקומען אין דער קרייז שטאָט אַריין פרעגען דעם גרויסען קרייז רב אַ שאלה. אַריין קימענדיג האָט איהם דער קרייז רב געגעבען אַ ברייטען שלום עליכם אין איהם געזאָגט מיט אַ שמייכעל עס וואָלט רעכט גשדעוזען צו מאַכען איבער אייך אַ ברכה מחי׳ המתים ווייל דאכט זיך איך האָב אייך שוין נישט געזעהן אַ יאָהר צייט אָבער וועניגסטענס אַ שהחיינו מאַכען. ווייל איך האָב דאָך אייך שוין אַ לאַנגע צייט נישט געזעהן. דער קליין שטעטעלדיגער למדן ענטפערט מיט אַ פערוסענער שטאָלצקייט. איהר ווייסט דאָך רבי דאס איך בין נישט קיין עם האָרץ דרובער דיא קליינע שאלות וועלכע קומען ביא אונז פאָהר פאַסקען איך אליין נאָהר ווען עס קימט פאָהר אַ גרויסע שאלה דאַמאָלס וויל איך דאָך נישט שטעלען אויף מיר דרובער בין איך געקומען צו אייך פרעגען:

דער קרייז רב פרעגט איהם אין וועלכער ישיבה האָט איהר געלערנט
אין פון וועמען האָט איהר גענומען אַ היתר הוראה. דער
יונגערמאַן ענטפערט איהם וואָס מיינט דער רב אַז מען לערינט נישט
אין קיין ישיבה קען מען שוין נישט לערנען בייא אונז אין בית מדרש
קען מען אויך זיך גענוג אויסלערנען. אין ווייטער וועגען דעם וואָס איהר
פרעגט פון וועמען איך האָב בעקומען אַ היתר הוראה האָט איהר דאָך
שוין פריהער· געהערט אַז קיין גרויסע שאלות פאַסקען איך נישט אַליין
אין אויף קליינע שאלות איז דאָך דער היתר הוראה איבריג ווייל יעדען
ייד וועלכער איז נאָהר נישט קיין עם הארץ קען דאָך דאָס אָהן אַ רב
פאַסקענען אויף וואָס דאַרף מען דערצו האָבען אַ היתר הוראה. דער קרייז
רב האָט געזעהן דאס ער האָט דאָ צו טוהן מיט אַ בעל גיאהדיגען עם
הארץ האָט ער זיך בערעכענט אויב אַזעלכער איז אין דעם שטעטעל
אַ פוסק מי יודע וואָס פאַר אַ חורבן ער מאַכט דאָרט אָהן מיט זיינע
פסק׳ם אין דרויבער האָט ער בעשלאָסען איהם צו נעמען אויף אַ פערהער.
אין ער האָט זיך געווענדעט צו דעם יונגען מאַן מיט דער ביטע פילייכט
געדענקט ער נאָך עפּיס וועלכע שאלה וואָס ער האָט דורך דער צייט
וועלכעס ער איז נישט געוועזען בייא דעם רב געפסקענט. דער יונגערמאַן
האָט נישט לאַנג געקלערט אין אָהנגעהויבען צו דערציילען זיינע
ווינדערליכע פסק׳ם. אַזוי וויא דער רב געדענקט דאָך אוודאי דאָס דעם
פסח דורך דעם שרעקליכען יקרות האָט מען מתיר געוועזען קטניות
דאָס הייסט, רייז, ביבעלעך, אַרבּיס, צו עסען אום פסח, איז איינער
געקומען צו מיר פרעגען אַזוי וויא דאָס איז דאָך נאָהר ערלויבט דאָס
יאָהר אָבער אַנאַנדער יאָהר נישט זעהט דאָך אויס אַז באמת איז קטניות
יאָה חמץ אלזא וויא מעג מען קאָכען אין דיא פסחדיגע כלים זייא וועלען
דאָך דאָס צווייטע יאָהר שוין זיין חמצדיג, אין וואָס האָט איהר געפּסק׳נט
פרעגט איהם דער רב, איך האָב איהם געזאָגט דאָס ער האָט רעכט מען
טאָהר אוודאי קיין קטניות נישט קאָכען אין קיין פסחדיגע כלים נאָהר
אין חמצדיגע. דער רב האָט פון דער תשובה אַ צאַפּעל געטהון פאַר גרויס
צער. אָבער דער יונגער מאַן האָט דאָס גאָהר נישט בעמערקט ווייל
ער איז געוועזען פערנומען מיט אויסזוכען זיין אַרכיוו פסקים וועלכע
זענען מער אינטערעסאַנטער פאָהר צו שטעלען דעם קרייז רב, אין ער
האָט באַלד אָהנגעהויבען צו דערציילען אַ צווייטען פסק וועלכען ער האָט
הערשט נישט לאַנג געפסקענט אַזוי וויא בייא זייא איז שטעטעל איז זייער

אַ מאַנגעל אין דירות אין דער צוא וואָהנען אסאך גוים אין שטאָדט איז זייער שווער צוא בעקומען בייא אַ יוד אַ דירה. אָבער השי״ת פערלאָזט דאָך נישט זיין פאָלק יודען קיינמאָהל, העלפט ער אונז דאָס אונזערע גוים ווייסען גאָהר נישט פון קיין אַנטיסעמיזעם אין זייא האַלטען זיך זייער פריינדליך אויף מיט אונזערע יודען. עס דערגרייכט אַזוי ווייט דאָס מיין שכן דער גוי האָט אַריין גענומען צו זיך אין שטיב אַריין אַ יודישען לאָקאַטאָר אין זייא קאָכען אפילו בייא איין קאָמין:

איינמאָהל מאַכט זיך אַ מעשה דאָס דיא יודענע מיט איהר גוישער בעל הביתטע האָבען אַרויף געשטעלט צווייא טעפליך אויפען קאָמען דיא יודענע אַ מילכיגס אין דיא גויע אַ פליישיגס דער רב האָט בשעת מעשה נישט ווילענדיג אַ שמייכעל געטהון הערענדיג וויא דער למדן נעמט אָהן אַ שאלה דיא גויע האָט געהאַט פליישיג נאָהר כדי ער זאָל דאָס נישט בעמערקען האָט ער געזאָגט אַוודאי אַ יוד קען זיך נישט פערגינען קיין פליישיגס. דער יונגערמאַן האָט דער פון אָהנגעקוואָהלען ווייל ער האָט זיך געטראַכט דאָס אויב דער רב פאַסט אויף יעדען וואָרט זיינס מיז ער דאָך רעדען צו דער זאַך. האָט זיך געמאַכט אַז דער גויעס קינד האָט זיך צוא וויינט אין זיא האָט זיך זייער געיאָגט אין זיילעניש האָט זיא זיך כו.ה געוועזען אין דאָס שטיק דבר אחר וואָס זיא האָט געדאָרפען אַריין לייגען אין איהר טעפעל אַריין האָט זיא אַריין געלייגט אין דער יודענעס טעפעל אַריין. דיא יודענע איז צו מיר אַריין געקומען מיט אַ געוויין אויף איהר מכלומרשט אומגליק וואָס האָט איהר געטראָפען אין זיא האָט געזאָגט מילא דאָס טעפעל וואָלט מיר שוין נישט אַזוי פיהל קיין שאָעט געוועזען עס איז דאָך שוין סאַי זייא אַנאַלט ערדערען טעפעל אָבער דאָס עסען איז מיר זייער אַ שאָעט אַלזא פרעגט דער רב הערענדיג דאָס ער זאָגט דאָס עס איז אַ מכלומערשט אומגליק וואָס האָט איהר דער יודענע געפסקענט דער יונגערמאַן ענטפערט שטאָלציג וואָס מיינט אַ הר איך ווייס נישט אַז טעות גוי מותר אלזא איך האָב געפסקענט דיא יאָך איז כשר אָבער דאָס טעפעל ווען עס וואָלט געוועזען פליישיג וואָלט נישט געשאַדט נאָהר ווייל עס איז דאָך מילכיג איז עס טריפה. דער רב איז כמעט וויא צו מישט געוואָהרען הערענדיג דיא .פשוטע פסקים, נאָהר ער האָט זיך געשטאַרקט אין געפרעגט אלזא אויב דיא שאלות זענען בייא איך קליינע וועלכע דען זענען בייא איך גרויסע שאלות איך וועל דעם רב באַלד טאַקע זאָגען איך בין דאָך נאָהר געליב

דעם

דעם געקומען איך זאָל דיא שאלה פרעגען איינער א יונגער מאַן איז מיך אריין געקומען דיא נאַכט פרעגען אַזוי וויא ביי איהם איז געשטאָרבען זיין פאָטער ר"ל אין ער דאַרף זיצען שבעה און אין שבעה טאָהר מען דאָך נישט האנדלען אין האַלטען אָפען דאָס געוועלב דערובער פרעגט ער אַזוי. שבת גייט דאָך נישט אָהן קיין אבילות צו מעג ער האַלטען אָפען דאָס געוועלב אום שבת צו נישט. דער רב האָט זיך אויף איהם גיט אָהנגעבייזערט אין איהם פערבאָטען דאָס ער זאָל זיך נישט דער וועגען קיין שאלות צו פסקענען ווייל דאָס יאָהר וואָס מען איז מתיר קטניות הייסט נישט אַז מען איז ח"ו מתיר חמץ אום פסח אין ממילא טאָהר מען נישט קאָכען אין קיין חמצדיגע כלים. אין אַז עס פאַלט אריין דבר אחר אין דער יאָך אַריין ווערט דיא יאָך טריפה אין אום שבת טאָהר מען נישט האַנדלען אפילו מען זיצט ר"ל שבעה. אַזעלכע אין נאָך פיהל עהנליכע מכשילים פלעגען זיך פיהל מאָהל טרעפען. אין דער רבי ר' נחום האָט געזעהן זייא צו בעזאָרגען מיט א רב. איינמאָהל האָט דער רבי ר' נחום געהערט דאָס דער הייליגער מגיד דער רבי ר' בער האָט געשיקט זיין תלמיד דעם רבין ר' זושא אין א שטאָט אריין ער זאָל זייא מעורר זיין דאָס זייא זאָלען אויפבויען א מקוה אין דער רבי ר' זושא איז תיכף געפאָהרען אין דער שטאָט אריין אין ער האָט בייא זייא דיא זאַך געפויעלט אַזוי ווי מיר וועלען דאָה דערציילען:

---

# נאָך אַ ווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם הייליגען גאון אין צדיק רבי ר' זוסיא זכרונו לברכה.

דער הייליגער גאון אין צדיק דער רבי ר' זוסיא זכרונו לברכה איז געוועזען איינער פון דיא גרעסטע תלמידים פון דעם גרויסען מגיד דער הייליגער רבי ר' בער זכרונו לברכה פון מעזריטש וואָס ער איז געוועזען דער ערשטער פערשפרייטער פון דער שיטת החסידות וואָס דער הייליגער בעש"ט זכרונו לברכה האָט מחדש געוועזען אין וויא עס איז בעוויסט האָט ער אין זיינע אָהנהעגגער געליטען גרויסע רדיפות פון דיא פיהל מתנגדים וועלכע האָבען זיך געפינען אין דער דאַמאָלסדיגער צייט. זייא האָבען פשוט בישט געקענט אָהנקוקען קיין חסיד. זייער הויפט חברה

איז

איז געוועזען אין ליטא וויא זיי האָבען זיך געפיהרט ארום דעם הייליגען אין גרויסען גאון ר׳ אליהו זכרונו לברכה פון ווילנא וועלכער איז בעוויסט אין דער גאַנצער וועלט מיט דעם נאָמען דער ווילנער גאון אין וועלכער ער איז דאַמאָלסט געוועזען איינער פון דיא זאַלען אויף וועלכען עס האָט זיך געשטיצט דאָס גרויסע התנגדות אויף דער שיטת החסידות דער אמת איז דער הייליגער גרויסער גאון איז גאָהר נישט שולדיג געוועזען דרובען וויל ער איז געוועזען זייער אַ גרויסער מתמיד אין מען האָט איהם דערציילט דאָס דיא חסידים זענען מבטל טעג אין נעכט פון לערנען דרובער איז ער אויף זייא פערדראָסיג געוועזען אין ער האָט זייא נישט געוואָלט דן זיין לכף זכות וויא זיין מדה איז געוועזען דאָס ער האָט אויף יעדען יוד געזיכט אַ זכות וויל דיא עבירה ביטול תורה איז ביי איהם האַרבער געוועזען וויא אַלע עבירות. אין דערצו האָט ער מורא געהאַט דאָס מען זאָל זיך נישט פין זייא אָבלערנען אין עס וועט ווערען אַ ביטול תורה אויף דער גאַנצער וועלט ח״ו וואָס עס קען אַרויס רופען זייער שלעכטע פאָלגען חלילה. אַזוי וויא עס ווערט דערציילט פון אַ גרויסען הייליגען צדיק דאָס ער האָט איינמאָהל ביי דעם טיש געשמייכעלט אין געזאָגט אַ יוד אַ למדן טהוט זיך אומעטום אַ נעצה. דיזע חסידים וועלכע האָבען פון זייער רבין קיינמאָהל קיין זעלכע ווערטער נישט געהערט זענען זייער אויפפאַלענד געוואָהרען וואָס זייער רבי קען דער מיט מיינען, שבת צו נאַכט האָבען זיך צונויף געזאַמעלט די חסידים אין בית המדרש אריין אין זייא האָבען אויסגעקליבען עטליכע פון דיא חשובע יונגע לייט אין זייא אַריין געשיקט פרעגען דעם רבין וואָס ער האָט געמיינט מיט דיא ווערטער אין וואָס ער האָט דערביי אַזוי געשמייכעלט. דער רבי האָט זייא גיענטפערט דאָס ער האָט געזעהן דאָס דער הייליגער ווילנער גאון זכרונו לברכה איז אריינגעקומען אויף יענעם עולם צווישען חסידים האָבען זייא איהם גיפרעגט פער וואָס ער האָט ביי זיין לעבען געהאַט התנגדות אויף חסידים האָט ער זייא גיענטפערט השי״ת ווייסט דעם אמת דאָס איך האָב געמיינט לשם שמים עס זאָל נישט זיין ביטול תורה אין דערובער האָב איך געזאָגט דאָס אַ יוד אַ למדן קען זיך אפילו אויף יענעם עולם אויף פערענטפערען ווייל דיא תורה איז דער בעסטער תירוץ, עס איז אויך בעוויסט דאָס איינס פון דיא הויכע זאַכען אין דער שיטת החסידות איז דאָס דער מענטש זאָל בנהר זיין אין טבילת מקוה אַזוי וויא דער הייליגער בעש״ט זכרונו לברכה

דער

דער שעפער פון חסידות האט געזאגט דאס ער האט צו זיינע אלע מדרגות זוכה געווען נאהר דורך דעם וואס ער איז זיך שטענדיג מטהר געווען:

**איינמאהל** האט דער הייליגער מגיד דער רבי ר' בער זכרונו לברכה געזאגט צו זיין תלמיד דעם רבין ר' זושא דאס ער זאל פאהרען אין איינעם פון דיא ליטווישע שטעדלעך און ער זאל דעם עולם מעורר זיין דאס זייא זאלען אויפבויען א מקוה וויל זייער אלטע מקוה איז אבגעברענגט געווארען און וויל דאס איז געווען א קליין שטעדטעל און נישט קיין רייכס האבען זייא נישט געהאט דיא מעגליכקייט צוריק אויפצובויען דיא מקוה און וויל זייא זענען געווען גרויסע מתנגדים האבען זייא מקיל געווען אין טבילת אנשים און נשים פלעגען פאהרען אין א דערבייאיגע שטעדטעל און זייא האבען דיא אלטע מקוה נישט צוריק אויפגעבויט. און דרובער האט דער הייליגער רבי ר' בער בעפוילען זיין תלמיד דעם רבין ר' זושא דאס ער זאל א הין פאהרען אין דעם שטעדטעל אריין און ער זאל זייא מעורר זיין דאס זייא זאלען טוהן אלע מעגליכקייט און אפילו איבער דיא כחות און זאלען צוריק אויפבויען דיא מקוה. דער ר' זושא איז תיכף צו געפאהרען אין דעם שטעדטעל אריין. און ער האט דארט שבת געהאלטען נאך דעם דאווינען האט ער געזאגט דעם שמש דאס ער זאל אויסריפען אז שבת נאך דעם שלאף וועט דער פרעמדער רב זאגען א גרויסען דרוש וואס אלע וועלכע וועלען הערען וועט זייא שטארק הנאה טהון און ער בעט זייער אללע שטאט לייט זייא זאלען קימען צו דער דרשה. און וויל דער רבי ר' זושא איז נאך דארט אין דעם שטעדטעל קיינמאהל נישט געווען האבען זייא עם נישט געקענט און זייא האבען גירעכענט אז דאס איז איינער פון דיא גרויסע ליטווישע גאונים וויל דעם רבין ר' זושא'ס אויסקיק איז געווען וויא א גאון און דאס איז זייא גאהר נישט איינגעפאלען אז א חסידישער דרשן זאל זיך ענטוואגען צו גייען זאגען א דרשה אין א מתנגדיש שטעדטעל און דרובער איז כמעט דער גאנצער עולם געקומען נאך דעם שלאף צו דער דרשה:

**אבער** וויא פערוואונדערט זענען זייא געווארען הערענדיג דעם רבין ר' זושא'ס ווערטער וועלכער ער האט געזאגט ארויף גייענדיג אויף דעם בעלעמער רבותי איך בין ספעציעל געקומען אייך מעורר זיין דאס איהר זאלט זעהן בייא אייך אין שטאט אויפצובויען דיא אבגעברענטע

אָבגעבּרענטע מקוה, אין חאָטשע איך ווייס אַז עס איז נישט קיין קליינע הוצאה אין אפשר איז נישט פאַר אייערע כוחות זאָג איך אייך דאָס איהר זענט מחויב צו טהון מער פון אייערע כוחות אין דאָך אויפבּויען דיא מקוה, אין אפשר וועט איהר מיך פרעגען פון וואַנען קימט עפּיס צו מיר דער פרעמדער אין אומגעבּעטענער גאַסט צו קימען אייך זאָגען דברי תוכחה אין אייך מחייב צו זיין צו טהון איבער דיא כוחות. זאָלט איהר וויסען דאָס איך בין אַ גרויסער גאון אין איך קען מיינע רייד בּעשטעטיגען מיט אייך אליין דאָס איהר זענט דאָך אַלע גרויסע לומדים אין יעדערער וועלכער האָט עפּיס אַ שווערע קשיא צו פרעגען וועל איך איהם ענטפערען אַזוי דאָס ער וועט פערגוויס אַ וועק גיין צו פרידען מיט מיין תירוץ אין דרובּער האָבּ איך רעכט אייך צו זאָגען דברי תוכחה אין איך וועל אוועק פאָהרען פון דאַנען בּיז איהר וועט שוין אָהנהייבען צו בּויען דיא מקוה. דאָס איז מיין דרשה דער ווייל אין ער איז אַראָבּ געגאַנגען פונדעם בּעלעמער. זעלבּסט פערשטענדליך דאָס עס איז געוואָרען אַ געוואַלט היתכן עס זאָל זיך אַ פרעמדער אינטער שטעלען קימען אין מאַכען צו שפּאָט אַ גאַנצע שטאדט דאָס ער לאָזט אויסרופען אַז ער וועט זאָגען אַ גרויסע דרשה אין בעט אַלע שטאָדט לייט זאָלען זיך צוזאַממען קומען אין לסוף זאָגט ער אַפילו קיין וואָרט דברי תורה נישט אין ער האָט נאָך דיא העזה זייא צו זאָגען דברי תוכחה. דעם שטאָטס רב אין דיא אויגען אריין וואָס דאָס הייסט דאָך אַפּחיתות הכבוד פאַר אַ רב דאס ער איז נים אויפריכטיג אויף דיא תקנות וועלכע מען דאַרף מתקן זיין אין שטאָט. אין דרובּער האָבּען טייל מענטשען איהם געוואָלט מבזה זיין אין איהם אָהנשרייען אויף דער אונפערשעמטע חוצפּה. דער רב איז אָבּער געווען אַ גרויסער ערליכער יוד אין א אוהב תורה אין וויא ער האָט געהערט דאָס דער פרעמדער דרשן רוהמט זיך אויס דאָס ער איז אַ גאון האָט ער מורא געהאט פאַר דעם כבוד התורה אין ער האָט דיא היציגע מענטשען בּערוהיגט אין געזאָגט צו זייא וואָס איהר ווילט איהם טוהן וועט איהר שפּעטער אויך נישט פערשפּעטיגען אין ווייל ער האָט געזאָגט דאָס ער איז אַ גאון אין יעדער ווער עס וועט איהם עפּיס פרעגען דיא שווערסטע זאַך וועט ער איהם תיכף ענטפערען אַזוי אַ תירוץ דאָס ער וועט דערפון צו פרידען זיין דרובּער זאָל מען עפּיס פרוהער פרעגען דעם דרשן אין אויבּ ער וועט נישט וויסען איז ער דאָס אַ פּשוטער לינגנער וועט איהר מיט איהם מעגען טוהן וואָס איהר וועט ווילען. אָבער

טאָמער איז טאַקע אמת דאָס ער איז אַ גרויסער גאון וויא ער רומט זיך , אין איהר וועט איהם מבזה זיין וועט איהר דאָך פוגם זיין אין כבוד התורה אין איהר וועט דערנאָך דרויף חרטה האָבען, דיא מענטשען האָבען דעם רב'ס קלוגע אין אויפרוכטיגע עצה געפאָלגט אין מען האָט אָנגעהויבען אריין צו קלערען וואָס פאַר א ענין מען זאָל איהם פרעגען אייגער האָט געזאָגט דאָס ער האָט אַ שווערען תוספות וואָס ער האָט שוין געשמיסט דערפין מיט פיהל רבנים אין זייא האָבען מיר נישט געקענט ערקלערן דעם ריכטיגען פשט אין תוספות אַ צווייטער האָט געזאָגט דאָס ער האָט צו פרעגען אַ שווערען רמב"ם אין אַזוי האָט יעדער גיוואָלט פרעגען עפיס אַ שווער ענין אין ער האָט דעם צווייטען נישט געלאָזט פרעגען האָט דער רב צו זייא געזאָגט איך וועל מאַכען צווישען אייך אַ פשרה איך האָב יעצט א ענין צו פרעגען וועלכעס עס איז נאָך נישט אויפגעקלערט געוואָהרען ניט אין דיא פוסקים. נעמליך מען האָט מיך אָהנגעפרעגט אַ שאלה וועגען אזוי אַ פאָהר פאַל אַ יונגער מאַן איז אוועק קיין אַמעריקא און אין אַ צייט פון צוועלף חדשים נאָך זיין אַוועק פאָהרען האָט זיין פרויא געהאַט אַ קינד. אין יעצט איז דיא שאלה צו אַ קינד קען אַמאָהל זיך אויפהאַלטען אין דער מוטערס בויך צוועלף חדשים איז דאָס קינד אַ ערליך קינד אין אויב עס קען זיך נישט אויפהאַלטען קיין צוועלף חדשים קימט דאָך אויס זיא האָט מנאף געוועזען נאָך דעם מאַנס אַוועק פאָהרען אין דאָס קינד איז אַ ממזר אין ער קלערט שוין אריין אַ לענגערע צייט אין דער שאלה אין ער האָט שוין נאָך געזוכט אין דיא פוסקים און אין דיא פיהל פערשידענע תשובה ספרים אין ער האָט נישט געפינען קיין זיכערען פסק אין דער שאלה אלזא וועט ער דיא שאלה פרעגען דעם פרעמדען דרשן אין אז ער וועט איהם ענטפערען א זיכערע תשובה איז טאַקע אמת דאָס ער איז אַ גרויסער גאון. זייא זענען אַלע צו פרידען געוועזען מיט'ן רב'ס פשרה אין דעם צווייטען טאָג דאָס הייסט זינטאָג אַז דער רבי ר' זושא איז געקומען אין בית מדרש אריין דאַווינען זענען צו איהם צו געגאַנגען דער רב מיט דיא גרעסטע לומדים אין זייא האָבען איהם דיא שאלה גיפרעגט:

זייא דער רבי ר' זושא האָט אויסגעהערט דיא שאלה האָט ער געטהון אַ שמייכעל אין ער האָט צו זייא געזאָגט דאָס איז די שווערסטע שאלה וואָס איהר האָט צו פרעגען מיט דעם ווילט איהר וויסען דעם אמת צו איך בין אַ גאון דאָס איז דאָך אַ גאָהר פשוטע זאך אין עס שטייט

אימעצים

אימעטים אַז אַ קינד קען זיך יאָה זאָמען צוועלף חדשים אין ממילא איז ביי דער מעשה וואָס איהר פרעגט די שאלה איז דאָס קינד כשר. דיא מענטשען וועלכע האָבען ניט פערשטאַנען דעם רבין ר׳ זושא׳ס תשובה. האָבען זייא געמיינט דאָס ער מאַכט פשוט פון זייא אַ שפּאַס ווייל וויא איז דאָס פּאַר אַמעגליכקייט דאָס דער רב וואָס ער איז אַ גרויסער למדן אין ער קלערט שוין אַ צייט אין דער שאלה אין זאָגט דאָס ער קען זיך נישט ענטשליסען אויף קיין בעשטימטען פסק אין ער זאָגט אַז דאָס איז גאָהר אַ פשוטה זאַך אין דיא זאַך האָט זייא זייער פערדראָסען דאָס וויא זייא האָבען יעצט גירעכענט אַז ער איז נישט קיין גאון הייסט דאָס דאָך אַ חוצפּה פון איהם דאָס ער זאָל קימען אין אַ פרעמדע שטאָט אַריין אין לאָזען אויסרופען דאָס אַלע שטאָט לייט זאָלען זיך צונויף קימען אין ער וועט זאָגען אַ גרויסע דרשה אין לסוף האָט ער קיין איין וואָרט תורה נישט געזאָגט אין ער האָט נאָך געהאַט אַ העזה זייא צו מוסערען אין זיך צו בערומען דאָס ער איז אַ גאון אין וועלכע שווערע שאלה זייא וועלען פרעגען וועט ער תיכף ריכטיג ענטפערען אין לסוף פערשטייט ער גאָהר נישט אַז זייא פרעגען איהם אַזוי אַ שווערע שאלה אין ער לאַכט גאָהר פון זיי. אין וויא דער רבי ר׳ זושא האָט געזעהן דאָס זייא זענען שוין גיט בייז האָט ער זיך צו זייא אָהן גערופען וואָס דאַרפט איהר זיך מרגז זיין אַז איהר ווייסט נישט אַזוי אַ פשוטע זאַך בין איך אייך דען שילדיג זענען זייא נאָך מער בייז געוואָהרען אין איינער איז צו איהם צו געלאָפען אין ער האָט צו איהם געזאָגט וואָס מיינט איהר. אַז איהר רעדט מיט עמי הארצים אַז איהר זאָלט זייא קענען איינרעדען דאָס דיא שאלה איז אַזוי אַ פשוטע מיר זענען אויך גרויסע לומדים אין בפרט נאָך אונזער רב אין מיר ווייסען נישט איז דאָס נישט קיין פשוטה זאַך וויא איהר זאָגט נאָהר איהר מיזט גאָהר נישט פערשטיין וואָס אונז איז שווער דרובער זאָגט איהר אַז דיא זאַך איז ביי אייך אַזוי פשוט אָבער אויב איהר וואָלט אמתדיג געוועזען אַ גאון צו חאָטש לפחות אַ תלמיד חכם וואָלט איהר דאָך געוויסט אַז ביי אַ שאלה דאַרף מען זיך גיט איבער טראַכטען איידער מען גייט פסקענען נישט איהר שמייכעלט אייך צו אין תוך כדי דיבור האָט איהר שוין אַ פאַרטיגען פסק דאָס איז קיין שאלה נישט אין דאָס קינד איז כשר:

האָט דער רבי ר׳ זושא געזאָגט איהר וואָלט גערעכט געוועזען ביי אַ שאלה וועלכע מען דאַרף זיכען אין דיא פוסקים אין מברר זיין

אַ פסק הלכה דאַרף מען טאַקע זייער אויפמערקזאַם איבער קלעהרען איידער מען גייט פסקענען אָבער איי״ער שאלה איז דאָך פשוט און אין וועלכען ספר איהר וועט אריין קיקען וועט איהר באַלד זעהן אַזוי וויא איך האָב אייך געזאָגט אַז דאָס קינד איז כשר. דער מענטש איז נאָך בייז געוואָרען אין זאָגט צו דעם רבין ר׳ זושא וואָס מאַכט איהר עפיס אַ לצנות פון אונז איהר זאָגט דאָס אין יעדען ספר וואָס מען וועט נאָהר אריין קיקען וועט מען זעהן אַז עס איז אַזוי. אלזא עס ליגט אוֹף דעם טיש אַ סידור קרבן מנחה צו־געפינט זיך אין דעם סידור אויך אַז דאָס קינד איז כשר האָט דער רבי ר׳ זושא געזאָגט געוויס געפינט זיך אין דעם סידור אויך אַז דאָס קינד איז כשר עפינט אויף דעם סידור וועט איהר אַליין זעהן. דער למדן האָט מיט גרויס אויפרעגינג אויף געעפינט דעם סידור האָט ער פונקט געטראָפען צו דער הגדה אין דעם קאַפּיטעל ויהי בחצי הלילה. האָט דער רבי ר׳ זושא געזאָגט צו דעם למדן זעהט אַז דאָ שטייט אויך מפורש דאָס עס איז מעגליך אַז אַ קינד זאָל זיך זאָהמען צוועלף חדשים און דרובער איז דאָס קינד כשר. עס שטייט דגת מלך גרר בחצי הלילה. דאָס הייסט אַז ווען אבימלך דער קייזער פון גרר האָט גענומען אונזער מוטער שרה האָט השי״ת איהם געמשפּט מיט יסורים דאס ער מיט זיין גאַנצען הויף האָבען נישט קיין אורין געקענט לאָזען כדי עס זאָל נישט פאַלען קיין חשד אויף אינזער מוטער שרה אַז זיא איז מעוברת פון אבימלכ׳ן אין דאָס איז געוועזען אום פסח היינט אַז איך זאָל זאָגען אַז עס איז נישט מעגליך דאס אַ קינד זאָל זיך זאָהמין צוועלף חדשים אין דער מוטערס בויך וואָס זשע האָט השי״ת געדאַרפען שיקען אַזעלכע יסורים אויף אבימלכ׳ן יצחק איז דאָך געבאָהרען געוואָרען דעם צווייטען יאָהר פסח איז דאָך שוין געוועזען צוועלף חדשים וואָלט דאָך סאַי וויא נישט געוועזען קיין חשד אויף אונזער מוטער שרה. אלא מיז דאָך זיין אַז דאָס קינד קען יאָה זיין צוועלף חדשים אין דער מוטערס בויך אין דרובער וואָלט דאָך געקענט אַ מאָהל פאַלען אַ חשד אויף אונזער מוטער שרה אין דערובער האָט השי״ת געשיקט אויף אבימלכ׳ן אַזעלכע יסורים זעהט איהר בפירוש אַז אַפילו דאָ אין סידור קרבן מנחה וואָס אַלע פרויען דאַווינען אין איהם שטייט בפירוש אייער שאלה אַזוי וויא איך האָב אייך בעפסקענט אַז דאָס קינד איז כשר. דער רב אין דיא שטאָט׳ס לומדים זענען זייער פערווינדערט געוואָרען איבער זיין גרויס גאונישקייט דאָס אַזעלכע גרויסע שאלות וואָס זייער רב אין אַלע האָבען זיך געמאַטערט

האָט

האָט ער זייא מיט אזוי אויכערקייט אין אָהן שום קלעהר ערקלערט אין זייא האָבען איהם גערעכענט פאר אבעל רוח הקדש אין האָבען שטארק איהם איבער געבעטען. אויף דעם וואָס זיי האָבען איהם ביז יעצט חושד געוועזען פאר א עם הארץ דער רבי ר׳ זושא האָט זייא גיענפערט דאָס ער וועט זייא נישט מוחל זיין ביז זייא וועלען אָהנהייבען בויען א מקוה ווייל ער האָט אויף זיך מקבל געוועזען דאָס ער זאָל נישט אוועק פאָהרען פון דאַנען ביז מען וועט צוריק אויפבויען די מקוה אָדער לכל הפחות אָנהייבען אין מאַכען אנהערכה יעדער זאָל געבען ווי פיהל מען וועט איהם מחייב זיין אין דאַמאָלסט וועט ער זייא מוחל זיין אין ער וועט זייא נאָך איבער לאָזען א ברכה. זעלבסט פערשטענדליך דאָס ער האָט ביי זייא תיכף אלעס געפוילט זייא האָבען באלד געמאַכט אַנהערכה אין יעדער איינציגער האָט זיך געפלייסט וואָס מער מנדב צו זיין אין וויא דער נאָך דער רבי ר׳ זושא איז אוועק געפאָהרען האָט מען אנגעהויבען צוריק אויפצובויען די מקוה אין זייא האָבען דעם רבין ר׳ זושא באַלייט מיט גרויס כבוד. ער איז צוריק געקומען קיין מעזריטש איז איהם דער הייליגער מגיד דער רבי ר׳ בער זכרונו לברכה א קייגען געגאַנגען אין ער האָט איהם געגעבען שלום זייער פריינדליך און געגעבען אַ גרויסען ישר כח אין ברכה דאָס ער זאָל אזוי אלע מאָהל מצליח זיין אין זיינע נסיעות לכבוד השי״ת. דער זכות פון די הייליגע צדיקים זאָל איבו בייא שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אלעם גיטען אין מיר זאָלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

פין דאַמאָלסט אָהן האָט דער רבי ר׳ נחום אויף זיך אָהנגעהויבען צו פעראינטערעסירען מיט דעם פרט פון טהרת בנות ישראל ווייל אסאך יודען זענען דאַמאָלסט געוועזען בעזעצט אין קליינע שטעדטליך אָדער אין דערפער וועלכע עס איז נישט געוועזען קיין גרויסע צאָהל אין עס איז זייא שווער געוועזען אויפצובויען אַ כשרה מקוה אין זייא זענען דורך דעם געקומען צו גרויסע מכשולים ר״ל. אין דרובער האָט דער רבי ר׳ נחום זייא מעורר געוועזען דאָס זייא זאָלען אויפבויען מקואות. ער האָט דער זאַך געווידמעט פיהל צייט אין ענערגיע. עס האָט אויך א מאָהל געטראָפען דאס דער רבי ר׳ נחום איז געקומען אין א שטעדטעל אריין וועלכעס דאָרט איז נישט געוועזען קיין מקוה אָבער ער האָט איינגעזעהן דאָס עס איז אויך נישט מעגליך דאָס זייא זאלען זיך פון זייער אייגענע אויסצובויען

אויסבויען אַ מקוה אפילו זייא זאָלען טוהן איבער זייערע כחות. אָבער אויך דאַמאָלסט איז דער רבי ר׳ נחום נישט אריינגעפאַלען אין קיין פערלעגענהייט און ער האָט זיין אויפגאַבע גלענצענד אויסגעפיהרט:

---

## נאָך אַווינדערליכע ערצעהלונג וויא מען האט אין הימעל געהאַלטען פון דעם רבין ר׳ נחום. אין זיך אָהנגענומען פאַר זיין בזיון;

אַבוואַהל דער רבי ר׳ נחום איז געוועזען געאַכטעט אין בעליעבט בייא אַלע שיכטען פינדעסטוועגען האָבען זיך געפינען אַלע מאָהל שלעכטע מענטשען וועלכע פלעגען מצער צוא זיין דיא תלמידי חכמים. אין עס איז אויך געוועזען איינער אַשלעכטער מענטש וועלכער ער האָט דעם רבי'ן נחום שטאַרק מצער געוועזען. אין ער האָט איהם פיהל שלעכטץ געטוהן, אבער מיט אַמאָהל האָט דער מענטש אָהנגעהויבען אַראָב צוא גיין פון זיין עשירות אין ער איז אַלע מאָהל אָרימער געוואָרען דער מענטש האָט זיך פער קלאָגט פאַר זיינע גיטע פריינד האָבען זייא געזאָגט אַז דאָס איז אַ וודאי אַ עונש וויל ער האָט דעם רבין ר׳ נחום מצער געוועזען. וויא דיא וועלט זאָגט גויט ברעכט אייזען אַזוי האָט דער מענטש איז געוועזען אַנאַיזערנער עזות פנים אַקעגען דעם רבי'ן ר׳ נחום פינדעסטוועגען האָט ער אויף דעם נישט געקוקט אין ער איז געגאַנגען איבער בעטען דעם רבי'ן ר׳ נחום ער זאָל איהם מוחל זיין אין אויף איהם בעטען השי"ת זאָל איהם צוריק געבען זיין עשירות אין זיין הצלחה. דער רבי ר׳ נחום האָט איהם גיענטפערט אַזוי וויא דיא בעטסט מיך איבער אַזוי בין איך דיר מוחל. אין אַז דיא וועסט מיך אמתדיג איבער בעטען וועל איך דיך אמתדיג מוחל זיין, דער מענטש איז אַוועק געגאַנגען, אָבער זיין לאַגע איז ריין געוואָהרען אַלע מאָהל ערגער, דרובער איז ער נאָכאמאָהל געקומען צום רבין ר׳ נחום בעטען מחילה אין דער רבי ר׳ נחום האָט איהם ווייטער דאָס אייגענע גיענטפערט אַזוי וויא דיא בעטסט מיך איבער אַזוי בין איך דיר מוחל. אין אַזוי איז געוועזען עטליכע מאָהל.

דיא חסידים קענענדיג דעם אויסער געוועהנליכען גיטען חאראקטער פון רבין ר' נחום. דאָס ער ראַטיוועט יעדען יוד אַפילו דעם נידעריגסטען מיט מסירת נפש האָבען זיך זייער געווינדערט פאַרוואָס דער רבי ר' נחום איז דעם מענטש נישט מוחל. זייא האָבען דעם רבין איבער געפרעגט צו איז טאַקע דער מענטש ערגער פון אַלע וועלכע דער רבי ר' נחום ראַטיוועט זייא און טהוט זייא כל מיני טובות, דער רבי ר' נחום האָט זייא צוליעב געטוהן און ער האָט אָהנגעהויבען אויף איהם צו בעטען ער זאָל צוריק רייך ווערען. אָבער צו אַלעמענס פערווינדערונג וואָס מיין ער האָט אויף איהם גיבעטען איז דער מענטש מער אָרים געוואָרען ביז ער איז געוואָהרען אַ גרויסער אָרימאַן און צו דערצו איז ער אויך געוואָהרען אַ גרויסער בעל יסורין ר"ל און אַלע טאָג האָבען זיך אויף איהם גימעהרט אָרימקייט מיט יסורים דיא חסידים האָבען דאָס ווייטער נישט פערשטאַנען עס איז בייא זייא געוועזען דיא זאך אַ רעטעניש היתכן זייער רבי זאָל בעטען אויף אמענטש און ער זאָל גאָהר נישט פויעלען. פערקעהרט עס ווערט איהם נאָך אַלע טאָג ערגער. האָבען זייא געפרעגט נאָך אַמאָהל זייער רבי'ן האָט זייא דער רבי ר' נחום גיענטפערט פערוואָס פערשטייט איהר נישט איהר אַליין זעהט דרונגען שולדיג ווייל איהר האָט אייך געווינדערט אויף דעם וואָס איך האָב דעם מענטש נישט מוחל געוועזען האָב איך איהם אמתדיג מוחל געוועזען אין דרובער קומען אויף איהם דיא אַלע יסורים אין דאָס אָרימקייט. ווייל אַזוי געפינען מיר אין דער הייליגער תורה בייא משה רבינו עליו השלום. והאיש משה עניו מאד. דאָס הייסט משה רבינו עליו השלום איז בייא זיך זייער נידעריג געוועזען און ער האָט גאָהר נישט מקפיד געוועזען אויף אהרן און מרים וואָס זיי האָבען אויף איהם שלעכטץ גערעדט אין איהם מבזה געוועזען. דרובער האָט השי"ת זיך אָהנגענומען פאַר זיין בזיון און האָט מרים'ן בעשטראָפט פאַר דעם לשון הרע וואָס זיא האָט אויף איהם גערעדט. און אַזוי איז בייא יעדען צדיק דאָס אויב ער איז מוחל אויף זיין בזיון און עוולות וועלכע מען טהוט איהם נעמט זיך השי"ת פאַר איהם אָהן. און דרובער האָב איך דעם מענטש נישט געוואָלט מוחל זיין פריהער נאָהר דורך אייך האָב איך איהם געמוזט מוחל זיין און ווייל ער האָט נישט קיין אמתע חרטה אויף זיינע עבירות דרובער ווערט ער געשטראָפט פאַר דעם וואָס

ער האָט אקעגען מיר גענזינדיגט, די חסידים האָבען שטארק מיטלייד בעהאט מיט דעם מענטש אין האָבען נישט געקענט דער ליידען זיינע בכיות אין בפרט נאך דאָס זייא האָבען געהערט דאָס זייא האָבען א שולד דרונגען האָבען זייא צווישען זיך געמאַכט א הערכה אין יעדען איינציגער האָט איהם אויסגעבאָרגט אביסעל געלט. אין ער איז אוועק געפאהרען אין אצווייטע שטאָדט אַריין אין ער האָט אָהנגעהויבען צוא האנדלען מיט זייער געלט. השי״ת האָט געהאָלפען דאָס ער האָט מצליח געוועזען אין ער איז געבליבען א גערליכער יוד השי״ת זאָל אינז אָבהיטען פון דער הקפדה פון א צדיק אין מיר זאָלען אָבגעהיטען ווערען פון כל מיני שלעכטץ אָמן: